מהנעשה והנשמע

# בחצר הקודש

גליון שבועי פנימי לקהל אנ"ש חסידי סקווירא

פרשת בחקתי
תשפ"ד

גליון לד
שנה לא

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

ברגשי גיל וחדוה בהדרת כבוד ובחדרת קודש נביע מעומקא דליבא מזלא טבא וגדיא יאה מול נועם זיו פני עטרת ראשינו ונזר תפארתינו

**כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א**

**ולבנו בכורו הרה"צ רבי אהרן מנחם מענדיל שליט"א**

לרגל שמחת לידת הנין/הנכד שי' למז"ט בן לנכדו/בנו פרע"ח **הרב יוחנן פינחס** שליט"א חתן **הגרח"מ ארנסטר** שליט"א אבד"ק ויז'ניץ מאנשעסטער

---

והברכה אחת לזקנים הצדיקים **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב-שיקאגו שליט"א** והגה"צ ר' **מנחם ארנסטר** שליט"א ראש ישיבת ויז'ניץ

---

יה"ר שירוו רוב נחת דקדושה מכל יו"ח לעטרת תפארת האבות הק', מתוך רוב שמחה והרחבת הדעת, בבריות גופא ונהורא מעליא

**✵ דברות וברכות הקודש אשר שמענו מתוך האש מפורש יוצא מפי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א במעמד ההדלקה הרבתי לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, לפני אלפי אנשי שלומינו זקנים עם נערים ברחבת ביהמ"ד הגדול דפה ביום ל"ג בעומר העעל"ט:**

### כל העולמות - הקשיבו לקול תורתו של הרשב"י

ס'איז ל"ג בעומר היינט, די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי. באמת די מדריגות פון רבי שמעון בר יוחאי איז דאך נישט שייך משיג צו זיין, ס'איז העכער פון אונזערע השגות.

דער זוה"ק (ח"ב יד:) ברענגט אז בשעת רשב"י האט געזאגט דברי תורה, האבן זיך אלע רקיעים און אלע מלאכים צוגעהערט צו דעם, עד כדי כך אז אפילו די מלאכים וואס האבן געדארפט זאגן שירה האבן נישט אנגעהויבן צו זאגן קיין שירה, און אפילו די

## בתוכן

~ דברות קודש ~

לאלפי אנ"ש במעמד ההדלקה ................ א
סיפורי קודש לבחורי שקה"ק ................ ד

~ שבעה דנחמתא ~

עם הגר"ש כ"ץ ראש ישיבת פאפא ........... ז
עם הגאון רבי יאשיהו פינטו ..................... ז
עם הגר"מ ארנסטר ר"י ויז'ניץ ................ ח
עם משלחת רבני גור ................................ יב
עם האדמו"ר משבט הלוי ........................ יג
עם האדמו"ר מסקווירא-מאנסי ............. יד
עם האדמו"ר מבית חיים יהושע ............ טו
עם אבד"ק בית אהרן ............................. טז

~ בקודש פנימה ~

ביקורי אדמורי"ם ורבנים ...................... טז

~ מבשר ואומר ~

מהנעשה והנשמע מקהילותינו הקדושות ........ יז
מעמד ההדלקה לכבוד הרשב"י במעמד אלפי אנ"ש / ברכת הקודש לשדכני 'קשרים' לרגל פתיחת עונת השידוכים



וואס האבן געהאלטן אינמיטן זאגן שירה האבן נישט געענדיגט די שירה, נאר אין אלע עולמות איז געווען אינגאנצן שטיל און מ'האט נישט געהערט קיין שום קול - אלע האבן זיך צוגעהערט צו די דיבורים פון רבי שמעון בר יוחאי!

**<u>בר יוחאי שכיח בעלמא</u>**

ס'איז דא א פחד פון א מעשה וואס שטייט אויך אין זוה"ק (השמטות בזוהר ח"א רנה.): ס'שטייט דארט אז ס'איז געווען אמאל א חושך אויף דער וועלט, און רבי שמעון האט געזאגט צום זוהן רבי אלעזר: מ'דארף זעהן און קוקן וואס דער אייבערשטער וויל דא טוהן אויף דער וועלט. האבן זיי געטראפן א מלאך און דער מלאך האט געזאגט אז דער אייבערשטער וויל ח"ו חרוב מאכן די וועלט, וויבאלד ס'שטייט ביי אברהם אבינו (בראשית יח, יח) ואברהם היו יהי"ה וואס איז בגימטריא ל', און ס'נישט געווען קיין ל' צדיקים, וויל דער אייבערשטער ח"ו חרוב מאכן די וועלט דאס האט ער געענטפערט פאר רשב"י.

האט רבי שמעון בר יוחאי געענטפערט: "גיי צוריק ארויף אין הימל און זאג פאר'ן אייבערשטן כביכול אז "בר יוחאי שכיח בעלמא", ס'איז דא דא אויף דער וועלט א 'בר יוחאי' וואס ער דארף מסכים זיין צו דעם, און ער איז נישט מסכים אויף דעם! ער קען עס מבטל זיין. אזוי זאגט דער זוה"ק, ס'איז א פחד!

איז דער מלאך צוריקגעגאנגען און ער האט געזאגט פאר'ן אייבירשטן דאס וואס רשב"י האט געזאגט, האט דער אייבירשטער געזאגט: "גיי צוריק אראפ אויף דער וועלט און זאג אז דאס איז דער רצון, און קוק נישט אויף דעם וואס רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט". איז ער צוריקגעקומען און דאס געזאגט פאר רשב"י, האט רשב"י געזאגט ער זאל צוריקגיין און ענטפערן עפעס אויף דעם, און ער האט געזאגט צום מלאך: "אויב דו וועסט נישט צוריקגיין ענטפערן, וועל איך דיך פארטרייבן אין די הרי חושך ר"ל און כ'וועל גוזר זיין אז דו זאלסט אינגאנצן קיינמאל נישט קענען צוריק ארויפגיין!".

זאל ער צוריקגיין און ער זאל זאגן פאר'ן אייבירשטן: "דער אייבירשטער זאגט אז ס'דארפן זיין שלושים צדיקים? אין פסוק שטייט דאך (בראשית יח, ל) 'לא אשחית בעבור העשרים' אויך, און אפילו ס'זענען נישטא קיין צוואנציג זאגט דאך אויך דער פסוק (שם, לב) 'לא אשחית בעבור העשרה', ס'זענען גענוג אפילו צעהן צדיקים. און אפילו ס'זענען נישטא קיין צעהן צדיקים, אז ס'זענען דא צוויי, איך מיט רבי אלעזר, איז אויך 'על פי שני עדים יקום דבר (דברים יט, טו)', ואין דב"ר אלא עולם שנאמר (תהלים לג, ו) בדב"ר ה' שמים נעשו, איז גענוג אז די וועלט זאל האבן א קיום אפילו נאר מיט צוויי צדיקים, מיט מיר און מיט רבי אלעזר.

"און זאלסט צוריקענטפערן פאר'ן אייבירשטן, אז אפילו ס'איז נאר דא איין צדיק, און דער צדיק בין איך, איז עס אויך גענוג, וויל ס'שטייט (משלי י, כה) 'וצדיק יסוד עולם'. וויבאלד איך בין דא אויף דער וועלט קען מען נישט חרוב מאכן די וועלט, וויל ס'איז גענוג איין צדיק יסוד עולם".

איז דעמאלס ארויסגעקומען א בת קול און געזאגט: "ווי גרויס איז דער זכות און דער כח פון רבי שמעון בר יוחאי, אז דער אייבירשטער איז גוזר און ער האט א כח דאס מבטל צו זיין! אויף איהם איז געזאגט געווארן דער פסוק (תהלים קמה, יט) 'רצון יראיו יעשה'!".

דאס זענען דאך זאכן וואס מ'זעהט אז זיי זענען העכער פון אונזערע השגות! אבער מ'זעהט דעם כח פון רבי שמעון בר יוחאי.

**<u>בדורו של רבי שמעון - אפילו תינוקות היה כוחם רב בתורה</u>**

כ'האב געטראכט אז ס'איז דאך יעצט די הילולא פון רשב"י און מ'בעהט דאך דעם אייבירשטן אז דער זכות זאל מגין זיין, איז אפשר יעצט א זמן מסוגל זיך מחזק זיין אין די ענינים פון סור מרע ועשה טוב, וואס מ'זעהט אין זוה"ק אז ער איז מחשיב די עניינים:

ס'איז א זמן זיך מחזק זיין אין "תורה": ס'איז דא א לשון הזוהר (ח"ג רו.) אז אינעם דור פון רבי שמעון בר יוחאי איז געווען, אז נישט נאר די גרויסע האבן געלערנט נאר אפילו די 'דרדקי' די גאנץ קליינע קינדער זענען געווען אזוי שטארק אין תורה אזוויו גרויסע שטארקע בערג!

איז דאך לגבי די גרויסע אודאי א זמן זיך מחזק צו זיין, אז דער ענין פון 'קביעת עתים לתורה' זאל טאקע זיין נישט לפרקים נאר ס'זאל זיין א קביעות, אזוווי דער לשון הגמרא (שבת לא.) קבע"ת עתים לתורה.

**<u>כל הקדושות בעולם - תלויות בטהרת המחשבה</u>**

ס'איז אפשר א זמן זיך מחזק צו זיין אין "סור מרע" אויך: ס'איז דא א לשון הזוה"ק (ח"א קנה.) וואס ער זאגט עה"פ (ויקרא יא, מד) והתקדשתם והייתם קדושים, אז "כל קדושין דעלמא" אלע קדושות אויב מ'וויל ממשיך זיין אויף דער וועלט, אלעם ווענדט זיך דער עיקר אין "טהרת המחשבה".

כ'האב שוין דערמאנט אמאל אז ס'איז דא א מהר"ל (נתיבות עולם, נתיב הפרישות פ"ב) וואס ער ברענגט על מאחז"ל (יומא פט.) 'הרהורי עבירה קשו מעבירה', וואס איז דער פשט אין דעם? פארשטייט זיך אז לגבי עונשים ח"ו שטייט דאך אין די תורה אויסגערעכנט הגדרות אז ס'דארף זיין במעשה, אבער לגבי "פגם" איז פגם המחשבה ערגער ווי פגם המעשה! אזוי זאגט דער מהר"ל דעם לשון, ס'איז א פלא! פארוואס? ווייל פגם המעשה איז דאך א חומריות'דיגע זאך, איז דאס נידריגער אין מדריגה ווי א שכליות'דיגע זאך; אבער פגם המחשבה איז א שכליות'דיגע זאך, און וויבאלד א שכלי איז העכער ווי א חומרי, דערפאר איז 'הרהורי עבירה קשו מעבירה' לגבי דעם פגם.

מ'זאל זיך מחזק זיין מיט די אלע גדרים וסייגים אז מ'זאל זיך דערווייטערן פון טעכנאלאגיע, די טעלעפאנען מיט אלע כלים. זיי קענען ח"ו צוברענגען צו טמטום המחשבה און ס'קען ח"ו אים מקלקל זיין און ברענגען א קלקול אין די גאנצע שטוב און אין די גאנצע משפחה. דארף מען זעהן זיך מזרז זיין און מחזק זיין זיך צו דערווייטערן פון דעם.

**בדור פרוץ ח"ו - גם סייג לסייג דינו כלאו דאורייתא**

כ'האב דערמאנט לעצטנס [בדא"ח ליל שב"ק אמור שעעל"ט] אז ס'איז דא א ווארט אין תורי זהב וואס איז פחד פון א זאך: ער טייטשט אויף די הפטורה פון פרשת אמור (יחזקאל מד, טו) והכהנים הלויים בני צדוק אשר שמרו את משמרת מקדשי בתעות בני ישראל מעלי המה יקרבו אלי לשרתני וגו'. זאגט ער א פלא פון א זאך, אז די גמרא זאגט אין סנהדרין (מו.) אז וויבאלד ס'איז געווען א דור פרוץ ל"ע האבן די חכמים געגיבן מלקות און אפילו א הארבערע זאך פון דעם אויך, ווען איינער האט געטוהן א זאך שלא כהוגן אין די ענינים פון קדושה און אין די ענינים פון שבת. וויבאלד ס'איז געווען דעמאלס א דור פרוץ ר"ל אין די זאכן, האט מען געגיבן אזא עונש כאטש ס'איז זיי נישט געקומען די זאכן, נאר אלס 'למיגדר מילתא'.

טייטשט ער מיט דעם מורא'דיג דעם פסוק: 'והכהנים הלויים בני צדוק אשר שמרו', השמ"ר איז דאך א לאו (עירובין צו.), וואס זיי האבן געמאכט א לאו דאורייתא אפילו פון א"ת משמר"ת מקדשי', משמר"ת איז דאך א סייג און א"ת משמרת מיינט א סייג צו א סיי"ג. זיי האבן געמאכט א לאו אפילו פון א סייג צו א סייג און זיי האבן מעניש געווען אפילו אויף דעם אויך, וויבאלד 'בתעות בני ישראל מעלי' ס'איז געווען אין א זמן וואס מ'האט מקיל געווען אין די זאכן, זאגט דער תורי זהב אז "לכך" דערפאר האט דער אייבירשטער געזאגט: 'המה יקרבו אלי לשרתני', זיי האבן א חשיבות ביים אייבירשטן! ווייל זיי מאכן א לאו און גיבן אן עונש אפילו אויף א סייג צו א סייג, דאס איז חשוב ביים אייבירשטן און דערפאר המה יקרבו אלי לשרתני!

זעהט מען דאך ווי ווייט מ'דארף "אין די זמנים" נזהר זיין אין די זאכן מיט א "זהירות יתירה".

**בשטיבלעך מתחזקים - בגדרים וסייגים בשמחה ובזיכוי הרבים**

אז מ'דערמאנט די זאכן, און ס'שטייט דאך אין תנא דבי אליהו אז 'מצוה לספר בשבחם של ישראל' - איז אפשר כדאי צו דערמאנען אז אין די זמנים איז דא א שטארקע התעוררות און א שטארקע התחזקות אין די בתי מדרשים אונזערע, וואס מ'האט זיך מחזק געווען אין די ענינים [במבצע "ממשיכים ומוסיפים"].

דער אזולאי ז"ע ברענגט אין נחל שורק אויף די הפטורה וואס מ'האט נעכטן געזאגט (ירמיה לב, יט) גדול העצה וגו'. ער רעדט באריכות אבער דער תמצית זאגט ער אז בעצם קומט מען אויף דער וועלט כדי דער שכר זאל נישט זיין קיין נהמא דכיסופא, אבער די מפרשים פרעגן פארט אויף דעם, אז אפילו נאך אלעמען זאגט דאך דער רמב"ן עה"פ (דברים ו, כה) וצדקה תהיה לנו כי נשמור לעשות וגו', אז דער שכר קומט נישט פאר א מענטש און ס'איז נאר א צדקה פונעם אייבירשטן.

נאר אויף וואס קומט יא שכר? זאגן די מפרשים אז אויף די "גדרים וסייגים", אויף דעם וואס מ'טוהט עם "בשמחה", און אויף דעם וואס מ'איז "מזכה את הרבים" - אויף דעם קומט יא שכר בהאי עלמא אויך.

ממילא איז דאך א דבר פשוט, אז אין די ענינים זענען

קול רנה וישועה באהלי צדיקים
ברגשי גיל וחדוה בהדרת כבוד ובחדרת קודש נביע מעומקא דליבא
מזלא טבא וגדיא יאה מול נועם זיו פני עטרת ראשינו ונזר תפארתינו
**כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א**
**לבנו הרה"צ רבי אהרן מנחם מענדיל שליט"א**
**לבנו הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א**
לרגל שמחת לידת הנינה/הנכדה שתחי' למז"ט בת לנכדו/בנו/חתנו
פרע"ח הרב **ישכר דוב טווערסקי** שליט"א
והברכה אחת לסב הנערץ **כ"ק האדמו"ר מבארניב שליט"א**
יה"ר שירוו רוב נחת דקדושה מכל יו"ח לעטרת תפארת האבות הק',
מתוך רוב שמחה והרחבת הדעת, בבריות גופא ונהורא מעליא

דא אלע דריי צוזאמען: ס'איז מחזק געווען אין די "גדרים וסייגים", מ'האט עם געטוהן "בשמחה", און ס'איז קלאר אז יעדער וואס איז זיך מחזק איז ער א "מזכה את הרבים", צי ער ווייסט יא צי ער ווייסט נישט האט עם אן השפעה אויף א צווייטן אויך! ממילא צוליב די אלע דריי טעמים קומט זיכער שכר בהאי עלמא.

זאל טאקע דער אייבערשטער העלפן אז אין זכות פון התחזקות, זאל מען זיין געזונט מיט נחת, מ'זאל טאקע זוכה זיין צו "בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות" מתוך שמחה.

**<u>רשב"י גוזר השפעות ונסים - והקב"ה מקיים</u>**

ס'איז דא די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי, ס'איז א טאג פון "השפעות טובות":

מ'טרעפט דאך אין זוה"ק ווי ווייט דער רצון פון רשב"י איז געווען ממשיך זיין השפעות טובות: 'ביטל כמה גזירות', ער האט מבטל געווען אסאך גזירות פון אידן; ס'איז דא א לשון הזוה"ק (זו"ח צח.) "ווי גרוים איז דער זכות פון רבי שמעון בר יוחאי וואס דער אייבערשטער טוהט מיט איהם כסדר נסים, און ער איז גוזר און דער אייבערשטער איז עם מקיים". מ'טרעפט דאך כסדר אז רשב"י האט זיך כסדר משתדל געווען מבטל צו זיין גזירות און ממשיך זיין אלע השפעות טובות, דאס איז געווען זיין רצון!

זאל דער אייבערשטער העלפן טאקע אז דער זכות זאל מגין זיין, ס'זאל טאקע נמשך ווערן אויף אלע אידן וואס זענען דא, זיי זאלן זיין געזונט, שמירה עליונה, און קענען זיך צוגרייטן און מקבל זיין די תורה מיט אלע השפעות טובות בגשמיות און ברוחניות מתוך שמחה ונחת תמיד.

**✵ סיפורי הקודש על מרן המגיד הק' מטשערנאביל זי"ע ודברי התחזקות וברכה בענייני צדקה אשר השמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לפני בחורי החמד תלמידי ישיבותינו הקדושות, אשר הכניסו דמי-צדקה שאספו לטובת מפעל שקל הקודש ביום שני פרשת בחקותי שנעל"ט אחה"צ, ערב ההילולא קדישא ל"ה בעומר:**

**<u>כאשר קיים עליהם מרדכ"י</u>**

**א.** היינט ביינאכט איז דעם טשערנאבלער מגיד זי"ע הילולא. כ'האב געהערט אז ס'איז אמאל געקומען א איד צום טשערנאבלער מגיד, און דער טשערנאבלער מגיד האט געהייסן דעם משמש ר' חלאוונא ע"ה צו שרייבן א קוויטל פאר איהם. ווען ער האט געשריבן דאס קוויטל, האט דער איד נעבעך אנגעהויבן צו זאגן אז ער דארף א תשובה אויף כמה וכמה זאכן ר"ל. אינמיטן האט ער שוין נישט געהאט קיין כוחות אויסצוהערן די אלע זאכן ר"ל, האט ער איהם געזאגט: "דאס האב איך דיר געשריבן, און דאס איבריגע זאלסטו זאגן פאר'ן טשערנאבלער מגיד אליין".

דער איד איז אריין צום טשערנאבלער מגיד, און ר' חלאוונא איז געשטאנען ביי די טיר און ער האט געוואלט הערן וואספארא תשובה דער טשערנאבלער מגיד וועט איהם גיבן אויף אזעלכע זאכן. ער האט פארשטאנען אז ער וועט איהם אסאך אסאך מער מכביד זיין ווי געווענליך. האט ער געזעהן אז דער טשערנאבלער מגיד האט איהם געגיבן א תשובה כמעט ווי צו אן אנדערן: ער האט איהם געהייסן פאסטן שובבי"ם, פאסטן בה"ב און ערב ראש חודש, אויפזיין ביינאכט וכו'.

שפעטער ווען דער איד איז ארויס איז ער אריינגעגאנגען און ער האט געזאגט פאר'ן טשערנאבלער מגיד: "אינדרויסן ביים שרייבן דאס קוויטל האט דער איד אויסגערעכנט אזויפיל זאכן ר"ל, און צום סוף האט דער טשערנאבלער מגיד איהם נישט געגיבן קיין תשובה מער ווי וואס ער זאגט פאר יעדן פשוט'ן יונגערמאן?". האט דער טשערנאבלער מגיד זי"ע איהם געענטפערט: "מתקן זיין איז נישט אזא לייכטע זאך, ווייל א פגם איז א פגם. אפילו אסאך א קלענערע פגם ווי דאס וואס דער איד האט געזאגט איז אויך נישט אזוי לייכט דאס מתקן צו זיין. נאר וואס דען? כ'האב דאך געזעהן אז דער איד קען דאך נישט טוהן די אלע תיקונים, האב איך גענומען אויף זיך צו מאכן די אלע תיקונים מתקן צו זיין זיינע פגמים, און פאר דעם איד האב איך געגיבן א תשובה נאר מזרז צו זיין, ער זאל פשוט געדענקען ווי ווייט ער דארף תשובה טוהן".

דאס וואס איז איהם געווען א פלא אויף די תשובה, האט דער טשערנאבלער מגיד מסביר געווען אז ער האט געוואוסט אז דער איד וועט ממילא נישט קענען טוהן די אלע תיקונים, ממילא האט ער גענומען די אלע תיקונים אויף זיך - די תשובה פאר דעם אידן האט ער נאר געגיבן אז ער זאל געדענקען אז ער דארף תשובה טוהן.

**<u>כי גדול מרדכ"י - ושמע"ו הולך בכל המדינות</u>**

**ב.** ס'איז דא א גאנצער סיפור וואס א איד האט דערציילט אז ער האט דאס געהערט פון זיין טאטן, א חשוב'ער איד, וואס איז געשטאנען ביים טריסקער מגיד זי"ע בשעת מעשה. ס'איז דארט אריינגעקומען א איד צום טריסקער מגיד, און דער פאטער איז געבליבן דארט שטיין, און דער טריסקער מגיד האט געזאגט פאר דעם איד: "דערצייל די מעשה וואס דו האסט מיר דערציילט וואס איז געווען ביי דיר אליין, אז ער זאל אויך הערן".

האט דער איד געזאגט אז ער איז באקאנט אין די מאפע פון די וועלט, און ער האט געוואלט פארן מיט זיין משפחה קיין ארץ ישראל. האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל, און אינמיטן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין א גאסט-הויז, א פלאץ וואו מ'נעכטיגט, און ער האט געזעהן

אז דארט איז אויך אנגעקומען א איד און יענער איז אויך דארט געווען. האט יענער געפרעגט דעם אידן אז ער איז אויפ'ן וועג, וואו וויל ער פארן? האט ער געזאגט אז ער פארט יעצט צו דעם און דעם פלאץ. ער איז דעמאלס געפארן קיין ארץ ישראל , האט ער איהם געזאגט: "איך פאר דאך אויך צו דעם פלאץ, קום אויף מיין וואגן און מ'וועט פארן צוזאמען". זאגט יענער: "ניין, כ'דארף נישט דיין וואגן, כ'וועל אהן דיין וואגן אנקומען שנעלער". ווען ער איז אנגעקומען צום צווייטן פלאץ, איז ווייטער דער איד שוין דארט געווען פון פריער, און ער האט איהם שוין אפגעווארט און געזאגט: "איך האב שוין אינגאנצן אפגעצאלט פאר'ן גאסט-הויז אלע זאכן וואס וועלן דיר קאסטן, אויף מיין חשבון".

אזוי איז געווען "דרייצן מאל": וואו ער איז געפארן און וואו ער האט זיך אפגעשטעלט, האט דער איד אפגעווארט פארדעם און ער האט איהם אלעס צוגעגרייט און שוין באצאלט פאר אלעס. ווען ס'איז געקומען פאר דאס לעצטע מאל, האט ער געפרעגט וואו ער פארט, האט ער איהם געזאגט אז ער פארט צו דעם וואלד וואס מ'דארף דורכגיין און נאכדעם קען מען אנקומען אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל. האט דער איד געזאגט: "גוט". ווען ער איז אנגעקומען פאר'ן וואלד, האט דער איד איהם אפגעווארט דארט און ער האט געשריגן "ער זאל נישט פארן ווייטער און ער זאל ח"ו נישט אריינפארן אין וואלד!".

האט ער דערציילט פאר'ן טריסקער מגיד זי"ע אז ס'איז איהם געפאלן א פחד! שפעטער האט דער איד זיך אויפגעשטעלט און געשריגן דעם פסוק: "תיפול עליהם אימתה ופחד". אפאר מינוט שפעטער האט דער איד געזעהן אז ס'זענען ארויסגעלאפן פון וואלד אזעלכע רוצחים מיט געוועהר מבוהל און צוטומלט און זענען אנטלאפן אזוי ווי ס'איז. האט דער איד שוין פארשטאנען אז ער איז יעצט ניצול געווארן פון א געוואלדיגע סכנה ר"ל.

נאך די מעשה האט איהם דער איד געזאגט: "יעצט קענסטו שוין פאר'ן רואיג, יעצט ביסטו שוין דורכגעגאנגען אלע נסיונות און קענסט שוין פארן רואיג". האט ער איהם געפרעגט: "ס'איז דאך נישט קיין פשוט'ע זאך... ביסט געקומען און דא האסט מיר געטוהן אזויפיל זאכן: געצאלט אלע הוצאות, און מיך געהיטן און יעצט זעה איך דו האסט מיך מציל געווען פון א סכנה ממש", צי ער מעג אפשר וויסן ווער ער איז? האט דער איד געזאגט: "איך בין א משמש א שליח פונעם טשערנאבלער מגיד, און דער טשערנאבלער מגיד האט מיר געשיקט אויף דעם שליחות".

האט ער דערציילט פאר דעם איד אז ער פלעגט זיין א שליח פונעם טשערנאבלער מגיד אויף מפרנס צו זיין די ל"ו צדיקים, און איינמאל האט איהם דער טשערנאבלער מגיד געשיקט אויף א שליחות אין א שטאט פאר צוויי אידן: איינעם האט ער געהייסן גיבן א גרעסערן סכום און דעם צווייטן האט ער געהייסן גיבן אסאך א קלענערן סכום. איז ער געגאנגען קודם צו דעם וואס ער האט געהייסן גיבן א גרעסערן סכום, און יענער איז נישט געווען אינדערהיים. האט ער געווארט א שטיק צייט און ווען ער האט געזעהן אז יענער קומט נישט אהיים, האט ער זיך מיישב געווען און ער איז געגאנגעם קודם צום צווייטן.

ס'איז געווען פאר פסח, און ביי דעם ערשטן וואס דער טשערנאבלער מגיד האט געזאגט מ'זאל איהם גיבן א גרעסערן סכום, איז געווען אן הרחבה גדולה און ס'איז שוין געווען צוגעגרייט אלע זאכן וואס מ'דארף פאר'ן יו"ט: די וויין מיט די מצות, נייע מלבושים וכו'; און ביי דעם צווייטן אידן האט ער געזעהן אז ס'איז דא דארט א געוואלדיגע דחקות ר"ל. האט ער ביי זיך געטראכט אז ווען דער טשערנאבלער מגיד אליין וואלט דא געוועהן, וואלט ער זיכער געטוהן אנדערש: ער וואלט געשיקט דעם גרעסערן סכום פאר דעם ארימאן, און דעם קלענערן סכום פאר דעם וואס האט אן הרחבה. איז ער געגאנגען און ער האט טאקע אזוי געטוהן: ער האט געגיבן דעם גרעסערן סכום דארט פאר דעם ער האט געזעהן אז ס'איז דא עניות ל"ע, און דעם קלענערן סכום פאר יענעם.

ווען ער איז צוריקגעקומען צום טשערנאבלער מגיד זי"ע, האט ער איהם געזאגט: "מער שיק איך דיר נישט צו קיין שליחות! האסט געדארפט פארשטיין אז אויב איך האב געגיבן פאר דעם אזוי און פאר דעם אזוי, ווייס איך וואס איך טו און דו האסט נישט געדארפט פון דיר אליין משנה זיין", און ער האט איהם אויפגעהערט צו שיקן אויף שליחות'ן. נאר נאך צענדליגער יארן שפעטער האט דער טשערנאבלער מגיד איהם אריינגערופן, און ער האט איהם געזאגט: "יעצט וועל איך דיר נאכאמאל שיקן א שליחות. ס'איז דא איד וואס פאר קיין ארץ ישראל און ער איז אין א גרויסע סכנה, וועל איך דיר שיקן אז דו זאלסט איהם מציל זיין פון די סכנה". דער טשערנאבלער מגיד האט איהם מיטגעגיבן וויאזוי מ'מאכט "קפיצת הדרך", און דאס וואס ער איז מיטגעגאנגעם אומעטים מיט איהם איז געווען בשליחות פונעם טשערנאבלער מגיד, וואס האט איהם געשיקט פשוט אויף מציל צו זיין דעם אידן!

דאס האט געהערט זיין פאטער וועלכער איז געווען ביים טריסקער מגיד פון דעם איד וואס מיט איהם איז געווען די מעשה בשעת ער האט עס דערציילט פאר'ן טריסקער מגיד וועגן זיין פאטער דער טשערנאבלער מגיד, אז די גאנצע זאך איז געווען נאכדעם וואס ער האט איהם שוין אויפגעהערט צו שיקן שליחות, און אויף מציל געווען א אידן האט ער איהם נאכאמאל געשיקט אויף א שליחות, און ער האט טאקע מציל געווען דעם אידן.

**<u>אראנו נפלאות</u>**

**ג.** מ'זאגט נאך פונעם טשערנאבלער מגיד זי"ע, אז דער פסוק זאגט (תהלים נ, כג) ושם דרך אראנו בישע אלוקים, אז דער אייבירשטער זאגט: 'ושם דרך' אויב א איד מאכט אן

אתערותא דלתתא און ער וויל גיין אויפ'ן וועג פונעם אייבירשטן, וויבאלד ער איז א בא ליטהר און ער האט א רצון זיך צו דערנענטערן צום אייבירשטן, זאגט איהם דער אייבירשטער צו: 'אראנו בישע אלוקים', דער אייבירשטער וועט איהם העלפן אז ער זאל קענען אויספירן זיין מחשבה לידי מעשה און זיך דערנענטערן צום אייבירשטן.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

**<u>המתרים אחרים - כאילו נותן צדקה מכספו</u>**

אח"כ פתח בדב"ק במעלת הצדקה וזל"ק:

דער עולם האט דאך עוסק געווען אין "צדקה" - באמת די גמרא (ב"ב ט.) זאגט דאך 'גדול המעשה יותר מן העושה'. ס'טוהט זיך אין דעם אז ס'זענען דא זאכן וואס המעשה איז יותר מן העושה, אבער ווייניגער ווי דער 'עושה' איז ער זיכער נישט! אפילו ס'איז נישט פון "זיין" געלט, אבער וויבאלד ער איז 'המעשה' איז דער זכות פון איהם אזויווי ער וואלט אליין געגיבן די צדקה. דאס איז זיכער, און אפשר נאכמער!

דער אזולאי זי"ע טייטשט מיט דעם מאה"כ (דברים טו, י) נתן תתן לו וגו', אז 'נתן' דורכדעם וואס דו ביסט משפיע אויף אנדערע אז זיי זאלן גיבן, איז דאס גלייך 'תתן לו' אזויווי דו וואלסט געגיבן צדקה פון דיין אייגענע געלט! דאס זאגט דער פסוק: 'ולא ירע לבבך' זאלסט נישט פילן און ס'זאל דיך נישט אהרען, 'בתתך לו' ווייל דו וואלסט דאך געוואלט גיבן פון די אייגענע געלט, און אויב דו קענסט נישט גיבן פון די אייגענע וועסטו מיינען אז דער זכות איז ווייניגער פאר דיר ווייל ס'איז נישט קיין אייגענע געלט, 'כי בגלל הדב"ר הזה' ווייל דורכדעם וואס דו ביסט משפיע אויף אנדערע מיט'ן דיבו"ר, דאס אליין 'יברכך השם אלוקיך' און דו וועסט זיין גלייך אזויווי דו וואלסט געגיבן פון די אייגענע געלט.

**<u>צדקה מהפכת את מידת הדין לרחמים</u>**

דער אורח לחיים ברענגט אויך עה"פ (בראשית כב, א) והאלוקים ניסה את אברהם וגו', אז ס'שטייט דאך (רש"י בראשית יח, טז) גדולה צדקה שמהפכת מידת הדין למידת הרחמים. אברה"ם איז דאך מידת החסד און דאס איז מרמז אויף צדקה, וזהו 'והאלוקים' די מידת הדין 'ניסה' ווערט אויפגעהויבן און ס'איז מבטל, 'את אברהם' דורכדעם וואס א איד טוהט צדקה וחסד, ווייל צדקה איז מהפך די מידת הדין למידת הרחמים.

דאז"ה זכותו יגן עלינו ועכ"י, מ'זאל קענען זיצן און לערנען און דאווענען מיט הרחבת הדעת, מ'זאל קענען טוהן מצוות ומעש"ט, און זיך צוגרייטן און מקבל זיין די תורה מיט אלע השפעות טובות בגשמיות און ברוחניות אי"ה.

# שיחות קודש

**✵ תוכן שיחות ומאמרי קודש, דברי חיזוק ויסודי אמונה, עובדות וסיפורים יקרים, בעת ביקורי התנחומים של גדולי ישראל שליט"א אצל כ"ק**


**ישיבות קטנות - קדושת יעקב קדושת יוסף ותוי"י מאנטיסעלו** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

והם אלפי מנש"ה

איחולים לבביים וברכות מאליפות, ברוב שמחה וחדוה צרופות, וברגשי הוקרה וסבר פנים יפות, נביע אומר מזלא טבא,
למכובדנו הדגול מרבבה, מרביץ תורה וחחסידות ומחנך נפלא ברוב שקידה, אוצר כלי חמדה, פאר המעלה
והמדה, שלו"ם שלום לרחוק ולקרוב, למען הרמת קרן כל בחור בתורה ויראת שמים פועל גדולות ונצורות לרוב

**כש"ת הרב שלום מנשה אייזנבערגער שליט"א** -יו"ר מפעל "טובת בחוריך" שע"י "מרכז הייעוץ"

**לרגל השמחה במעונו באירוסי בנו בכורו החתן המצויין בתוי"ש כמר מרדכי פינחס שי' עב"ג ב"ר אליהו דיאמאנט שי'**

**ורגשי תודה והערכה על עמדו בכל לבו ונפשו בראש הפרוייקט האדיר "טובת בחוריך" בישיבות הקטנות, ותודות לרמי"ם פרטיים חשובים שהעמיד בישיבותנו הק' ומלוה אותם בהכוונה והדרכה תמידית - זוכים לפעול יד ביד לרומם כל תלמיד ותלמיד לשיא הצלחתו בס"ד**

יה"ר שירוה רוב תענוג ונחת במלוא חפניים, ויעשה חיל בהרבצת תורה ויראת שמים, ובקרוב ברנה נעלה ציון וירושלים.

*מוקירי הרמפרותו בלו"ן השמחים בשמחתו עד מאוד: **משה דוד בייער**-מנהל יש"ק קדושת יעקב*

***יצחק דוד לייב ברוין**-מנהל יש"ק קדושת יוסף / **דוד ברייער**-מנהל יש"ק תוי"י מאנטיסעלו*

## מרן אדמו"ר שליט"א על פטירת הרבנית הצ' ע"ה.

**<u>יום רביעי תצוה אחה"צ</u>**

**הרה"ג ר' שמשון כ"ץ שליט"א ראש ישיבת פאפא:**

**אדמו"ר שליט"א:** ס'נישטא קיין סאך וואס די משפחה איז נאך געווען נאנט פונדערהיים. אייער טאטע [הגה"צ ר' שמואל אברהם אבא כ"ץ זצ"ל אבד"ק ביווילארע] איז דאך נאך געווען ביים טאטן ז"ל אין בוקארעסט. ביים ברית פון אייער ברודער [הרה"ג ר' אלי' כ"ץ] האט דער טאטע ז"ל געמאכט די ברכה 'להכניסו בבריתו של אברהם אבינו', ווייל ס'איז געווען ביי די מלחמה און דער טאטע איז נישט געווען דארט.

**הגר"ש כ"ץ:** פון בוקארעסט און פון פריער אויך. דער רבי ז"ל איז געווען אין יאס בשעת'ן מלחמה, און ביווילארע איז דאך נעבן יאס. ווען מ'האט אוועקגעפירט דעם טאטן זצ"ל, האט מען אריינגעשטיפט מיין מאמע'ן ע"ה מיט מיך און די גאנצע משפחה צום רבי'ן ז"ל אין שטוב! ער איז געווען ממש א טאטע פאר אונז.

**אדמו"ר שליט"א:** אז ער האט געמאכט די ברכה 'להכניסו' איז דאך נישט שייך קיין גרעסערע ראייה...

**הגר"ש כ"ץ:** שפעטער אין וויליאמסבורג האט דער רבי ז"ל נאך געלייגט תפלין פאר מיר.

מיין טאטע זצ"ל האט מיר געזאגט, אז ער געדענקט דעם רבי'ן ז"ל ווען דער רבי ז"ל איז נאך געווען א בחור אין קעשינוב. מיין טאטע אליין איז נאך געווען א בחור און דער רבי ז"ל איז נאך אויך געווען א בחור, און ער איז געווען צוזאמען מיט'ן ברודער הרה"ק רבי איציקל מקעשינוב זצ"ל.

**אדמו"ר שליט"א:** רבי איציקל איז געווען אן עלטערע ברודער, און ער האט געפירט אין קעשינוב.

**הגר"ש כ"ץ:** מיין טאטע ז"ל האט דערציילט, אז איינער פון די רוז'ינער אייניקלעך וואס איז געווען דארט, האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן ז"ל: "איך הער אז דער קאלאראשער רבי 'ארבעט', וואו ער האלט ווייס איך נישט".

**אדמו"ר שליט"א:** ווען דער טאטע ז"ל איז אנגעקומען קיין יאס, זענען אויך געווען דארט רוז'ינער חסידים, גאר חשוב'ע אידן, און זיי זענען געווען די ערשטע וואס האבן זיך מקשר געווען. ס'איז געווען דארט הרה"ק רבי נחום יאסער [רבינוביץ] זצ"ל און אנדערע.

**כ"ק הגה"צ המקובל ר' יוסף יאשיהו פינטו שליט"א נשיא קהילות שובה ישראל והרב הראשי למרוקו**

**אדמו"ר שליט"א:** נמצאים עכשיו למשך זמן באמריקה?

**הגר"י פינטו:** כן. אנחנו נמצאים רוב הזמן באמריקה ובאנו לנחם את הרבי: מן השמים תנוחמו, ובעזרת ה' תשמעו בשורות טובות וישועה גדולה, סיעתא דשמיא, ותהיה הצלחה רבה ונחמה גדולה.

**אדמו"ר שליט"א:** אמן, יעזור ה' שתוכלו להרביץ תורה בסיעתא דשמיא באופן של מוסיף והולך. והתעניין רבינו על מוסדות שובה ישראל בארץ ישראל.




**הגר"י פינטו:** ב"ה הכל בסיעתא דשמיא גדולה גם בארץ ישראל וגם פה באמריקה.

יש לנו הרבה הכנעה והרבה כבוד לכל המשפחה החשובה, דור שביעי לבעל שם טוב זי"ע, זה פחד פחדים! זה האור של כל כלל עם ישראל!

**אדמו"ר שליט"א:** יעזור ה' אז דער זכות זאל מגין זיין. נוסעים לפעמים למרוקו?

**הגר"י פינטו:** כן, גם למרוקו.

במשפחת פינטו ואבוחצירא כשבאים לניחום אבלים לא מדברים, רק עונים מה ששואלים. היתה לנו שמחה גדולה וזכות גדולה להיות פה ליד הרבי, ובעז"ה מן השמים תנוחמו ותהיה בעז"ה ישועה גדולה.

**אדמו"ר שליט"א:** יעזור ה' שתוכלו להרביץ תורה ולקרב לב ישראל לאביהם שבשמים, בסיעתא דשמיא והצלחה.

**הגר"י פינטו:** אמן, תודה רבה.

### הגה"צ ר' מנחם ארנסטר שליט"א ראש ישיבת ויז'ניץ בבני ברק

**אדמו"ר שליט"א:** ווען איז מען געקומען?

**הגר"מ ארנסטר:** כ'בין במיוחד יעצט געקומען מיט'ן פליגער און כ'פאר מארגן צוריק. די רביצין ע"ה איז אסאך געווען ביי מיר אין שטוב, זי איז אסאך אסאך איינגעשטאנען ביי מיר אין בני ברק; און איך בין געווען אסאך דא אויבן אין שטוב, און כ'מוז זאגן דעם אמת: כ'האב זיך געשפירט דא מיט'ן שוואגער און להבחל"ח די שוועגערן ע"ה, ממש ווי ביי מיר אינדערהיים! און ליידער, ליידער, האט מען אזוינס פארלוירן.

**אדמו"ר שליט"א:** ווען דו ביסט געווען אין אמעריקא איז דאך די אכסניה געווען דא. אבער לגבי די 'אכסניה' האט זי מסתמא מער געטוהן ווי איך...

**הגר"מ ארנסטר:** יא, יא.

דער שווער [הרה"ק הישועות משה מויז'ניץ זצ"ל] האט זיך זייער געטשאטשקעט מיט איר. וואס ער האט געהאט פלעגט ער זיך אלץ דורכרעדן מיט איר, ער פלעגט אנרופן פרעגן וואס זי האלט און זיך ראטן מיט איר.

ביים זיידן דער אמרי חיים זצ"ל איז זי אויך געווען שטארק באליבט. זי איז געווען די "גרויסע אייניקל", די סלונימער רביצין ע"ה און זי ע"ה זענען געווען די איינציגע צוויי גרויסע אייניקלעך.

**אדמו"ר שליט"א:** הרה"צ ר' משה ברזובסקי [ראש ישיבת סלונים בירושלים] איז ממש יעצט געווען דא, און כ'האב פונקט געשמועסט מיט איהם אז די חתונות זענען געווען גערוקט מיט צוויי חדשים.

**הגר"מ ארנסטר:** יא, כ'געדענק נאך ביידע חתונות: די סלונימער חתונה איז געווען סיון און דעם שוואגער'ס איז געווען אב. כ'בין נאך געווען א קליין יונגל אבער כ'געדענק אז אונז זענען ארויסגעפארן קיין לוד אפווארטן דעם טאטן מרן ז"ל מיט'ן חתן; און כ'געדענק די גאנצע חתונה.

**הרה"צ רבי חיים מאיר:** די מאמע הרבנית ע"ה פלעגט פארציילן, אז איין טאג ווען זי איז אהיימגעקומען פון


חסידי סקווירא מתחילים
הלכות שבת
משנה ברורה דרשו
קיצור שלחן ערוך יומי
שונה הלכות
מתן תורה תשפ"ד

שולע, האט איינער פון די גבאים איר אפגעווארט אז דער זיידע דער אמרי חיים ווארט שוין אויף איר, ווייל ער וויל קובע זיין דעם זמן החתונה. ס'איז געווען ל"ג בעומר, און דער אמ"ח האט געזאגט: "כ'וויל קובע זיין ב'יום שמחה' ל'יום שמחה' - פון ל"ג בעומר אויף חמשה עשר באב!"...

**הגר"מ ארנסטר:** כ'געדענק אז דעם שוואגער'ס 'חתן מאל' איז געווען אינעם 'מוסד הילדים' ביי אונז. ס'איז שוין נישט געווען דער ערשטער חתן מאל, ווייל כ"ק האדמו"ר רבי יהושע'קא הורוויץ זצ"ל מדזיקוב-ב"פ האט חתונה געהאט אדר פארדעם, און דער זיידע ז"ל האט דעמאלס אויך געמאכט א חתן מאל ביים זיידן אין שטוב.

**הרה"צ רבי יצחק:** אבער ביים טאטן שליט"א איז עס געווען 'בפרהסיא'!..

**אדמו"ר שליט"א:** ווען כ'בין געווען ביי די חתונה [של גיסם כ"ק האדמו"ר מויז'ניץ-ארה"ק שליט"א], איז מיר דעמאלס אויסגעקומען צו שמועסן מיט'ן עלטער שווער ז"ל דער אמרי חיים וועגן מאכן א 'חתן מאל', און כ'האב איהם געפרעגט וויאזוי ס'איז געווען אינדערהיים. האט ער מיר דעמאלס געזאגט: "כ'האב געהאט צעהן ברידערס און שוועסטערס, און ביי יעדע חתונה איז געווען א חתן מאל!".

**הגר"מ ארנסטר:** אינדערהיים, אבער אין גרויסווארדיין שוין נישט.

**הרה"צ הר"י:** די מאמע ע"ה האט דערציילט, אז פאר איר חתונה האט דער אמרי חיים ז"ל איר געזאגט: "אין גרויסווארדיין האט נישט געקענט זיין קיין חתן מאל, ווייל ס'איז געווען אזא שטאט, אבער כ'וויל עס צוריק מחדש זיין".

**הגר"מ ארנסטר:** ער האט שטארק געוואלט! ער האט זיך געבעטן ביים סלונימער רבי'ן הרה"ק הנתיבות שלום זצ"ל, אז ער וויל מאכן א חתן מאל. איז דא א בריוו ווי דער סלונימער רבי שרייבט איהם צוריק אז: "ס'איז נישט איינגעפירט ביי אונז, און ס'איז מיר זייער שווער" וכו'. האט דער זיידע ז"ל זיך געגיבן א רוף אהן: "טשערנאביל האט א קפידא יא צו מאכן, אנדערע האבן א קפידא נישט צו מאכן, אונז האבן א קפידא מוותר צו זיין"...

**אדמו"ר שליט"א:** אבער ער האט געזאגט אז בעצם איז געווען דער מנהג די גאנצע צייט יא צו מאכן.

**הרה"צ הר"י:** די מאמע ע"ה האט געזאגט, אז דער זיידע דער אמרי חיים האט דעמאלס אויך געוואלט מחדש זיין אז די בחורים אייניקלעך זאלן גיין מיט א "קאלפיק".

**הגר"מ ארנסטר:** אינדערהיים פלעגט מען גיין, אבער אין גרויסווארדיין איז דאס נישט געווען, מ'האט נישט געקענט. האט ער עס שפעטער געוואלט צוריק מחדש זיין.

**הרה"צ רבי אהרן מענדיל:** די באבע [הרבנית טראני] ע"ה איז אויך געווען ביים פעטער'ס חתונה.

**הגר"מ ארנסטר:** יא, אודאי. איך האב חתונה געהאט



מיטוואך נאכט, און כ"ק האדמו"ר ממאכנובקא-בעלזא שליט"א האט חתונה געהאט א נאכט נאך מיר, דאנערשטאג נאכט. די באבע איז דעמאלס געקומען צו זיין חתונה.

**אדמו"ר שליט"א:** זי איז געקומען צו "ביידע"...

**הגר"מ ארנסטר:** יא. אלס בחור האב איך דאך געלערנט דא אין בית מדרש עליון אום ווינטער תשכ"ז, און כ'בין געווען דא אין סקווירא אפאר מאל אויף שבתים. הרה"צ ר' אברהם דוב'ס חתונה איז געווען יענע ווינטער, בין איך דא געווען אויף 'שבת שבע ברכות' - ווען דער טאטע כ"ק מרן זי"ע איז נאך געווען בסדר. כ'בין געווען אויף א חנוכה לעכטל; און אויף 'שבת שקלים' בין איך אויך דא געווען, אבער דאס איז שוין געווען נאכ'ן סטראוק ל"ע פונעם טאטן ז"ל און מ'האט געדאווענט אין שטוב.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, דער טאטע ז"ל איז געווען שוואך ל"ע דעמאלס.

**הגר"מ ארנסטר:** יענע פורים תשכ"ז בין איך אויך געווען דא ביים שוואגער. כ'בין נאכנישט געווען קיין שוואגער, נאר א שוועסטער-קינד, אבער כ'בין איינגעשטאנען דארט אין שטוב.

**הרה"צ הראמ"מ:** כ'געדענק אז דעם פעטער'ס 'חתן מאל' איז אויך געווען ביים זיידן דער אמ"ח אין שטוב, ווייל ער איז שוין געווען שוואך ל"ע. ביי די חתונה איז ער אויך געווען שוואך ל"ע.

**הגר"מ ארנסטר:** ביי די חתונה האט שוין געהייסן אז ער איז געווען 'בסדר' כלפי פארדעם.

פון די באבע [הרבנית מרגלית ע"ה] האב איך געהערט אן אינטערעסאנטע זאך: דער זיידע דער אמ"ח איז דאך אנגעקומען דאנערשטאג קיין ראחמיסטריווקא צו זיין חתונה, דאנערשטאג ביינאכט איז געווען דער 'חתן מאל', און די חופה איז געווען פרייטאג [ערש"ק נשא י"ג סיון תרס"ה].

**אדמו"ר שליט"א:** פארצייטנס אמאל זענען אסאך פון די רבי'שע חופות געווען פרייטאג.

**הגר"מ ארנסטר:** דער שווער [הישוע"מ] האט אויך חתונה געהאט פרייטאג [ב' ניסן תש"ב בדעעש].

האט די באבע דערציילט פונעם חתן מאל: "דער שווער [הרה"ק האהבת ישראל מויז'ניץ זי"ע] האט ארויסגענומען זיין טיכעלע און מיט דעם האבן מיר געטאנצן מצוה טאנץ".

כ'בין געווען אמאל ביינאכט ביים זיידן אין שטוב, און מ'האט גערעדט א גאנצע שמועס וועגן איר חתונה. כ'האב איר דעמאלס אויך געפרעגט מיט וואס מ'האט איר באדעקט ביים 'באדעקן', האט זי געזאגט אז מ'האט איר באדעקט מיט א "פרוכת". כ'האב קיינמאל נישט געהערט פון אזא זאך.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'געדענק אז כ'האב איר אויך אמאל אויסגעפרעגט פארשידענע זאכן. די עלטער שוויגער מרגלית ע"ה האט געדענקט יעדע זאך! זי האט מיר אפילו געזאגט וויפיל מוזיקאנטן זענען געווען ביי איר

קשרים
מרכז מידע וסיוע לענייני שידוכים דחסידי סקווירא

**ארגון "קשרים" דחסידי סקווירא** / מרכז סיוע ומידע לענייני שידוכים

מודיעה חשובה ומרנינה

לרגל פתיחת עונת השידוכים בס"ד מתכבדים אנו להכריז בזה בשער בת רבים, כי במסגרת

**מבצע מיוחד לעידוד "שדכנים מתחילים" מאנ"ש**

הנכנסים בצעדים ראשונים לשערי עבודת הקודש

יחלק ארגוננו תוספת-תשלום של **1000**$ כבונוס עם גמר השידוך הראשון בקרב אנ"ש בכל גיל

ובונוס מוגדל של **1200**$ עם גמר השידוך השלישי

~ וזה כמובן בנוסף על **דמי השדכנות** שיקבלו אי"ה משני המחותנים ~

וטיבותא לשקיה ידידנו **שני הנדיבים הדגולים שי'** - יוזמי ופטרוני הרעיון

**אשר זכו ורבים זיכו, ומהם למדו וכן עשו בשאר קהילות קודש בישראל ששמעו על המיזם באסיפת עסקני הקהילות לאחרונה**

וזכות ריבוי השדכנים וההצעות בעז"ה תלווה אותם לראות שמחה ונחת דקדושה אצל כל יוצ"ח מתוך הרחבת הדעת

יה"ר מלפני שוכן מרומים, שיעלו הזיווגים יפה יפה כל הימים, ויזכו להרבות שידוכים בישראל במעשיהם העצומים.

*המשמחים בשמחתם מקרב לבו ומברכים באהבה; הנהלת הארגון*

חתונה, און פון וועלכע שטאט זיי זענען געקומען: פופצן מוזיקאנטן פון סמילא...

**הגר"מ ארנסטר:** ביים 'שבת שבע ברכות' פון הרה"צ ר' אברהם דוב הנ"ל, איז די באבע מרגלית דא געווען דעמאלס. געדענק איך אז פרייטאג צונאכטס נאכ'ן טיש איז דער טאטע מרן ז"ל געזיצן אין שטוב ביים טיש, און זי האט זיך אויך אנידערגעזעצט דארט, און ער האט איר אויסגעפרעגט וועגן 'מנהגים' פונדערהיים. כ'געדענק נישט צי ס'איז געווען פאר'ן טיש צי נאכ'ן טיש.

**הרה"צ הרא"מ:** ס'איז געווען אין בנין הישיבה [אחר שריפת ביהמ"ד ר"ל בב' ניסן תשכ"ו].

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז כמה פעמים געווען אזוי. כ'געדענק אפילו אז ווען דער טאטע ז"ל איז געווען ביים עלטער שווער ז"ל וכדו', בשעת'ן ארויסגיין איז זי געשטאנען ביים טיר, פלעגט ער זיך אסאך מאל אפשטעלן און איר אויספרעגן. זי האט דאך נאך געדענקט הרה"ק רבי יוחנן ראחמיסטריווקער זי"ע, און זי איז געווען א דייקנית. וואס זי האט נישט געדענקט האט זי געזאגט אז זי געדענקט נישט, און וואס זי האט געדענקט האט זי געדענקט!

**הרה"צ הראמ"מ:** כ'געדענק אז מוצאי שבת ביים פארשפיל [של אבד"ק רחמס"ט-מאנסי שליט"א] איז דער זיידע ז"ל געפארן קיין מאנסי זאגן מזל טוב. ס'איז געווען אין שטוב פון מיין שווער [הרה"ק התורת מרדכי מוויזשניץ] ז"ל, און די באבע איז געשטאנען דארט - און דער זיידע ז"ל האדט דארט אויך געשמועסט מיט די באבע ע"ה. כ'בין מיטגעפארן דעמאלס.

**הגר"מ ארנסטר:** כ'געדענק אז דער טאטע מרן ז"ל איז אריינגעקומען פון סקווירא זאגן מזל טוב, מוצש"ק ביים פעטער ז"ל אין שטוב.

נעכטן נאכט איז געווען די חתונה אין שיכון וויז'ניץ [של נכדי האדמורי"ם מויז'ניץ וקרעטשניף שליט"א], האט כ"ק האדמו"ר מקרעטשניף שליט"א מיר געבעטן אז כ'זאל איבערגעבן א ספעציעלע ניחום בשמו. ס'איז איהם זייער שווער צו רעדן אויפ'ן טעלפון צוליב א פארקילונג ל"ע.

**וניחם הגר"מ ארנסטר:** המקום ינחם אתכם וגו', דאז"ה ס'זאלן זיין שמחות פון היינט אן, און זי זאל זיין א מליצת יושר פאר אלע. דער שווער ז"ל פלעגט אלץ זאגן: פארוואס זאגט מען 'המקום' ינחם? ווייל וואס קענען דען מענטשן טרייסטן, טרייסטן קען נאר דער באשעפער!

**אדמו"ר שליט"א:** דער עבודת ישראל (ליקוטים) ברענגט אז די משנה ביי שבעה דברים בחכם (אבות ה, ז) זאגט 'ואינו נבהל להשיב', וואס איז דער פשט? זאגט ער אז ביי די עקידה שטייט (ב"ר נו, יד) אז דער אייבערשטער האט משבח געווען אברהם אבינו אז 'היה לו להשיב', ער וואלט געקענט פרעגן: אתמול אמרת לי 'כי ביצחק יקרא לך זרע (בראשית כא, יב)' ועכשיו אתה אומר 'קח נא את בנך' און מאכן די עקידה? דאס איז די משנה משבח 'ואינו נבהל להשיב', ער פרעגט נישט קיין קשיות נאר ער

**מפעל "הקשר" דשיכון סקווירא** / מחנכים פרטיים לבחורי הישיבות

~ מנח"ם משיב נפש כל חי ~

ברגשות הומים, איחולים נעימים, לידידנו עוז עסקן דגול ונלהב לילות כימים, משליך נפשו מנגד בכוחות עצומים, לרומם קרן בחורי הישיבות בכל הזמנים, עומד לימין ההורים לסדר הכל לטובה בסבר פנים, מסור בלו"נ להצלחת מפעלנו בכל מיני אופנים

**כש"ת מוה"ר מנחם מענדיל ראזנבערג הי"ו - רוח החיים של מפעל "הקשר" דפה**

**לרגל השמחה במעונו בהולדת בתו היקרה שתחי' למזלא טבא וגדיא יאה**

**מלאים אנו התפעלות עמוקה ממסירות לבו ונפשו ברוב כשרון ותבונה לעמוד בקשר הדוק ורצוף עם ההורים החשובים, לארגן ולסדר בס"ד את התכנית הנכונה והמועילה ביותר להצלחת כל תלמיד לפי רמתו ומצבו**

ברכות התורה וזכות הרבים יבואו ויתקיימו אצלו, ואך ששון ושמחה ישמע באהלו, ויהי שלום לכל אשר לו, ויזכה לגדל ולחנך כל יוצאי חלציו היקרים, בנקל ובנחת בעושר וכבוד בלי מצרים, עדי נאוו רגלי מבשר בראש ההרים.

*השמחים בשמחתו בלב מלא רגשי ידידות והוקרה:* ***הנהלת צוות "הקשר"***

*ג"כ מצטרפים:* ***הנהלת "עליוועט", הנהלת "ילד ולדה", הנהלת "ידי חסד", הנהלת "אסענד"***

איז מקבל! ער ווייסט אז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', פרעגט ער נישט קיין קשיות, ער יאגט זיך נישט 'להשיב'...

**הגר"מ ארנסטר:** נאכ'ן קריג זענען געווען מענטשן וואס האבן געפרעגט קשיות ל"ע, האט דער זיידע דער אמרי חיים ז"ל דעמאלס געזאגט: "ותצילנו מכל גזירות קשו"ת' דער אייבירשטער זאל אונז ראטעווען פון די גזירה פון פרעגן "קשיות"... ס'נישטא קיין קשיות און מ'דארף נישט קיין תירוצים, אלעס פירט דער רבוש"ע!

**אדמו"ר שליט"א:** יא, און אויף להבא בעהט מען 'הראינו השם חסדך'.

**משלחת רבני גור**

**הרה"ג ר' ישראל משה אולבסקי** ר"י גור בב"פ: כ'וויל איבערגעבן א ניחום אבלים בשליחות פון גורער רבי'ן שליט"א פון ירושלים.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז ביי מיר א גרויסע חשיבות, און דאז"ה ער זאל טאקע זיין געזונט מיט אריכות ימים ושנים טובים, ס'זאלן זיין ביי איהם נאר שמחות מיט הרחבת הדעת בכלל ובפרט אי"ה.

**הרה"צ הראמ"מ:** 'מתוך שמחה' איז מען כסדר בקשר...

והתעניין רבינו במצב בריאותו של כ"ק האדמו"ר מגור שליט"א.

**הגרי"מ אלעווסקי:** ב"ה דער רבי איז בקו הבריאות, און ער האט געבעטן מ'זאל קומען און מ'זאל מנחם זיין. דער בית ישראל זצ"ל האט געהאט א קפידא, ער האט נישט געוואלט אז מ'זאל קומען מנחם זיין אין די ערשטע פאר טעג. אין גמרא שטייט (מו"ק כז:) אז די ערשטע דריי טעג זענען 'לבכי' און שפעטער איז 'להספד', אין די טעג פון בכי וויל ער נישט מ'זאל קומען, דער ניחום איז הערשט שפעטער.

**הרה"ג ר' נחמיה רוזנפלד** ממשפיעי גור במאנסי: כ'האב אריינגעקלערט אז מ'זאגט 'המקום' ינחם אתכם, פארוואס פונקט דער שם פון אלע שמות פונעם רבוש"ע? קען זיין ווייל ס'איז בלויז א 'שינוי מקום'. ווען א נפטר גייט אוועק ל"ע בלייבט אלעס, אלעס איז דא, ס'איז נאר א שינוי מקום פאר'ן נפטר.

**אדמו"ר שליט"א:** דער אור החיים הק' זאגט דאך עה"פ (דברים יד, א) בנים אתם לה' אלוקיכם לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת, אז ס'איז אזויווי מ'שיקט א קינד אויף סחורה און נאכדעם קומט ער צוריק. להבדיל פאר די אומות העולם איז עס טאקע אן אבידה, אבער ביי אידן איז לא תתגודדו ווייל בנים אתם לה' אלוקיכם. א באקאנטע אור החיים הק'.

**הגר"נ רוזנפלד:** ער ברענגט אויך אז אפילו ווען דער ארון איז נישט געווען, איז געבליבן דער 'מקום הארון'. אפשר וועגן דעם זאגט מען אויך 'המקום' ינחם אתכם.

עולם שנה נפש גייען דאך צוזאמען, ממילא ווען א



נפ"ש גייט אוועק, איז דא דער זמן פון שנ"ה, דער טאג פון יארצייט, און דער המקום וואס איז עול"ם - אלעס גייט צום רבוש"ע.

**כ"ק האדמו"ר משבט הלוי שליט"א**

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז אויסגעקומען אז דער זיידע [פוסק הדור הג"ר שמואל הלוי ואזנר זצ"ל גאב"ד ור"מ זכרון מאיר בב"ב בעל שבט הלוי] איז דא געווען אויף כמה שבתים.

**האדמו"ר משבט הלוי:** דער זיידע זצ"ל האט געהאט רשות צו מאכן א 'מנין' שחרית דא [בצפרא דשבתא לפני סו"ז תפילה]... ער האט דאס כסדר דערציילט.

**אדמו"ר שליט"א:** אבער חוץ דעם האט ער אלעס מיטגעהאלטן...

ער פלעגט אסאך שמועסן מיט מיר פונעם זיידן ז"ל דער אוסטילער רב. ער פלעגט אסאך רעדן פון דעם. און ער פלעגט מיר דערמאנען אויך פון הרה"ק רבי אהר'לע קאזניצער זי"ע אויך.

**האדמו"ר משבט הלוי:** הגה"ק רבי שמעו'לע זעליחובער זצ"ל האט דאך איהם געשיקט צו רבי פיניע'לען, און צו רבי אהר'לע. חוץ וואס רבי אהר'לע איז איינמאל געקומען באזוכן אין לובלינער ישיבה, האט רבי שמעו'לע איהם געשיקט צו איהם אויך.

**הרה"צ הר"י:** כ'מיין אז רבי שמעו'לע האט געזאגט, אז בחורים זאלן נישט אוועקפארן פון ישיבה סתם אזוי, חוץ צו די צוויי: צו רבי פיניע'לע און צו רבי אהר'לע קאזניצער.

**אדמו"ר שליט"א:** וויפיל יאר האט דער זיידע געלערנט אין לובלין?

**האדמו"ר משבט הלוי:** צוויי א האלב יאר.

**הרה"צ הראמ"מ:** מיר האט ער געזאגט אמאל, אז ס'געווען א תקופה פון "אכצן חדשים" אין איין צי וואס ער איז נישט ארויס פון חצר הישיבה!

**האדמו"ר משבט הלוי:** יא, אפילו פסח, ראש השנה און יום כיפור איז ער געווען אין ישיבה. ער איז נישט ארויס פון חצר הישיבה!

**אדמו"ר שליט"א** הפליא את הדבר: טאקע? ער איז גארנישט אהיימגעפארן? פארצייטנס...

שפעטער אין בני ברק פלעגט דער חזון איש זצ"ל איהם אויך פרעגן זיין חוות דעת. אפשר פלעגט ער פארקויפן די חמץ אויך ביי איהם?

**האדמו"ר משבט הלוי:** דאס ווייס איך נישט, אבער א שטר פרוזבול איז דער חזון איש זיכער געקומען מאכן ביי איהם אין שטוב[א].

---

א. ראה שו"ת שבט הלוי (ח"ה סי' ריג): "כבודו מעורר על מה שנדפס בשמי בספר 'פאר הדור' **נוסח הפרוזבול שעשה מרן החזון איש בביתי בצירוף דיינים**, והנוסח 'מוסרני לכם' כנוסח המשנה, ולבסוף חתום החזון איש עצמו בלי עדים ובלי דיינים, וכב' תמה דהדיינים חותמים מלמטה" יעו"ש.

ועי"ע קובץ 'מבית לוי' (תשרי תשנ"ה) שהעיד הגר"ש וואזנער זצ"ל בעצמו: "ירדתי מהקומה העליונה שבה היתה הישיבה לדירה בקומה הראשונה, והנה רואה אני את החזון איש זצ"ל עם מקלו בדלת. שאלתיו: מה רואה החזו"א לבוא לביתי בערב יו"ט, ערב ר"ה? ואמר לי: "**הרי סוף שמיטה עתה וצריך לעשות פרוזבול, ובאתי אל המרא דאתרא לעשות פרוזבול**". החזו"א נהג בענוה ובחכמה נפלאה

**ביהמ"ד תולדות יעקב יוסף דחסידי סקווירא - קארלטון, מאנסי** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

~ וראה טוב בכל עמלו מת"ת אלוקים הוא ~

בנעימים נפלו לנו חבלים, להביע מיטב הברכות והאיחולים, מעומק לבבנו ורגשותינו הנעלים, לראש ידידנו העסקן הנלהב איש המעלה, זהב מידותיו התרומיות בפז לא יסולא, ותיק ועושה חסד לאלפים מדע וחכמה מלא, משפיע תורה וחסידות ועוסק בצרכי ציבור באמונה באופן מופלא, מסור בלו"נ לכלל אנ"ש בבינה ובהשכל בסבר פנים יפות

**כש"ת מוה"ר מתתיהו וואלפבערג הי"ו - מגדולי מתפללי ותומכי ה"קארלטון שטיבל"**

**לרגל חגיגת "הכנסת ספר התורה" שנדב והכניס לבית מדרשנו בשב"ק הרוממה שעעל"ט בקול רנה והמון חוגג**



**והשקט לא נוכל מלהביע רגשי ידידות והערכה על שמוזיל זהב מכיסו בנדבת לבו הזהב לרומם קרן התורה והתפילה ולעמוד הכן לכל צרכי וקדשי השטיבל במסירות מופלאה**

מכובדנו הדגול ר' מתתי' שי'! שמחתך שמחת התורה היא שמחת כולנו!
כל הברכות האמורות בתורה יבואו עליך וישיגוך, כי היא חייך ואורך ימיך!

וזאת הברכה, ברגשי הערכה, להמשיך הלאה ביתר שאת, בהפצת התורה בכל עת, וללכת מחיל אל חיל, יומם וליל.

המאחלים בלו"נ: גבאי ביהמ"ד בשם כל המתפללים / גדול העונה: יעקב יוסף בהרש"ש שפיטצער-דומ"ש

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב געדענקט אזא זאך, ס'קען טאקע זיין א פרוזבול.

**הגר"מ ארנסטר:** אלע ערנסטע שאלות פון בני ברק וואס זענען אנגעקומען צום שווער ז"ל, פלעגט ער שיקן צו הרב וואזנער זצ"ל. הרב וואזנער איז געווען דער פוסק זיינער, ער האט זיך פארלאזט אויף איהם. וואס הרב וואזנער האט געזאגט איז געווען קודש. ווען דער שווער ז"ל האט חתונה געהאט דאס צווייטע מאל, האט ער מיר געשיקט צו הרב וואזנער איבערעדן געוויסע שאלות. חוה"מ בין איך אריבערגעפארן צו איהם און אלעס איבערגעשמועסט. קיין זיהן האט ער נישט געקענט שיקן, האט ער מיך געשיקט.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, פארשטייט זיך.

**האדמו"ר משבט הלוי:** זיי האבן מסדר קידושין געווען איינער פאר'ן צווייטן... ווען דער זיידע האט חתונה געהאט דאס צווייטע מאל, איז דער ישועות משה געווען מסדר קידושין.

**כ"ק האדמו"ר מסקווירא-מאנסי שליט"א - ליל ה' תצוה:**

**האדמו"ר מסקווירא-מאנסי:** אונזער באבע הרבנית חוה גאלדא ע"ה [אשת מרן מהר"ד מסקווירא זי"ע בזיוו"ר] איז אוועק יונג ל"ע, און דער פעטער כ"ק מרן זי"ע האט אמאל געהייסן איינעם גיבן דעם נאמען 'חוה גאלדא' און ער האט נישט געהייסן צוגעבן א נאמען. מיין פעטער [כ"ק האדמו"ר מסקווירא-בארא פארק זצ"ל] האט אויך געגעבן א 'חוה גאלדא' אהן צוגעבן א נאמען.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'קען זיין אז מ'האט נישט געוואוסט שפעטער אזוי די חשבונות פון די יארן, ווייל געווענליך פלעגט דער טאטע ז"ל יא מקפיד זיין אויף דעם.

**האדמו"ר מסקווירא-מאנסי:** יא, ביי מיין איידעם צבי שלום [בן הרה"צ רבי יעקב יוסף] האט מען יא צוגעגיבן א נאמען צו 'חוה גאלדא'.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, דעמאלס האט מען מיר געזאגט אז זי איז נישט געווען העכער די זעכציג, האב איך געזאגט אז מ'זאל צוגיבן א נאמען. ס'איז א חידוש אז דער טאטע ז"ל האט נישט צוגעגיבן, ווייל אן אנדערע מאל פלעגט ער יא צוגיבן אויב מ'האט נישט מאריך ימים געווען ח"ו.

**האדמו"ר מסקווירא-מאנסי:** ביי אונז האט מען צוגעגיבן נאר אויב מ'איז נישט געווען קיין 'פופציג יאר'. מיין זיידע הרה"ק רבי איציקל מסקווירא-בארא פארק זצ"ל איז אוועק ל"ע ביי צוויי און פופציג, און מ'האט נישט צוגעגיבן א נאמען.

**אדמו"ר שליט"א:** אפשר ביי א טאטע. דער טאטע ז"ל פלעגט לכתחילה זאגן ביז 'זעכציג', ער האט מחמיר געווען...

**האדמו"ר מסקווירא-מאנסי:** ס'איז געווען אויך אלס

---

והוה בדיחא דעתיה מאוד. אמרתי לו: "אין עמי עוד שני דיינים לצרפם לבית דין", והשיב: "**הבאתי עמי**". נכנסו ולא רצה לשבת בראש השולחן, באמרו בבדיחותא: "**היכן שאני יושב שם המזרח**"... בעת מסירת הדברים בעל פה בפני הבי"ד נעמד החזו"א, וגם אני רציתי לעמוד ולא הניח לי ואמר: "**הבי"ד צריכים לשבת**". וע"ע 'מעשה איש' (ח"ב עמ' קכא).


## נטפי טללי נוחם

בצער רב כאב והלם, נביע נטפי תנחומים מעומק לב טמיר ונעלם, לידידנו עוז העסקן הנלהב כביר המעש ורב פעלים,
איש שכולו טוב וחסד במעשיו הגדולים והעצומים, לכל תושבי שיכון סקווירא כל הימים, מוכתר במידות נעימים,
משים לילות כימים לעזור ולסייע לאחב"י בלב חמים, משים נפשו בכפו להקל על משפחות ברוכות באהבת תמים

**כש"ת מוה"ר ראובן זאב ווילטיר הי"ו - מטובי אישי החסד ב'תומכי שבת' וידיד משפחתנו**

**היושב בעמק הבכ"ה ל"ע בהילקח מאתו עטרת ראשו אמו החשובה והדגולה ע"ה לדאבון לב כל המשפחה וכל מכיריה**

**ידידנו עוז ר' וואלווי שי'! מאות אנשי שלומינו תושבי השיכון הנעזרים על ידך בכל יום ובכל עת,**
**משתתפים בצערך ואבלך הכבד על פטירת אמך הצדקנית ע"ה בלב מלא כאב ויגון!**

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, ויתקיים בו שמחנו כימות עניתנו בכפליים, ויה"ר מלפני אבינו שבשמים, שלא יוסיף עוד לדאבה, ומעתה תשרה באהלו אך שמחה רבה, ויזכה להמשיך בפעליו האדירים ברוח נדיבה.

*מוקיריו ומכבדיו החותמים בלב מלא צער ורגשי הערכה;*

*חברי הנהלת מפעל תומכי שבת "שפע גראסערי"* — *אהרן לעפקאוויטש, בניו וחתניו*

בעלזא?

**אדמו"ר שליט"א:** כ'בין נישט באקאנט, אבער ס'קען זיין.

**כ"ק האדמו"ר מבית חיים יהושע שליט"א**

**אדמו"ר שליט"א** התעניין במצב בריאותו: מ'האט זיך געפילט נישט גוט ל"ע, ס'בעסערט זיך?

**האדמו"ר מבית חיים יהושע:** ס'איז נאכנישט בשלימות אבער געלויבט דער אייבירשטער פאר דעם. ס'ווערט בעסער אבער ס'דארף זיין בשלימות אינגאנצן. אז דער רבי וועט מתפלל זיין, קען מען געהאלפן ווערן. כ'הייסט 'יעקב יוסף בן לאה'.

**אדמו"ר שליט"א:** דאז"ה א רפואה שלימה.

**האדמו"ר מבית חיים יהושע:** אין בוקארעסט ווייס איך אז דעם רבי'נ'ס טאטע מרן ז"ל האט זיך געטראפן מיט'ן פעטער דער באבובער רב זצ"ל, אבער דאהי האבן זיי זיך אויך געטראפן? כ'ווייס נישט אזוי, ווייל דער באבובער רב איז נישט געגאנגען צו קיין חתונות און אין ערגעץ נישט, און דער טאטע מרן ז"ל איז דאך אויך נישט געגאנגען אין ערגעץ.

**אדמו"ר שליט"א:** מיר איז אויסגעקומען צו זיין אפאר מאל ביים באבובער רב הרה"ק רבי שלמה ז"ל. נישט אזוי ווייט ביי קיין שמחות, אבער פריוואט.

**האדמו"ר מבית חיים יהושע:** כ'בין מיטגעווען מיט'ן באבובער רב ז"ל ווען ער איז געקומען מנחם אבל זיין דעם רבי'ן שליט"א נאכ'ן טאטנ'ס הסתלקות. ער האט דעמאלס געזאגט דברי התחזקות. כ'וויל נישט זאגן קיין אריכות דא, אבער ער האט נאכגעזאגט א ווארט וואס דער ערשטער באבובער רב זי"ע האט געזאגט ביי א ניחום אבלים, ווען ער האט מנחם געווען הרה"ק רבי לייביש טארנער זי"ע, דעם שינאווער רב'ס זוהן, ווען ער איז געזעצן נאכ'ן טאטן דער שינאווער רב זי"ע.

האט דער ערשטער באבובער רב איהם געזאגט: ס'שטייט (במדבר יג, כ) 'היש בה עץ', זאגט רש"י אז ע"ץ מיינט מען א צדיק, אויב ס'איז דא א צדיק איז דאך וואויל, 'אם אין' טאמער איז ער מער נישטא אויף דער וועלט, 'והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ' דארף מען האבן התחזקות און מ'זאל נעמען פון די קינדער, ווי רש"י זאגט אין ישעיה (ד, ב) ופר"י האר"ץ לגאון ולתפארת 'אלו בני הצדיקים אשר בהם יתפארו ויתהללו פליטת ישראל'!".

האט דער פעטער דער באבובער רב ז"ל דעמאלס צוגעלייגט און געזאגט פאר'ן רבי'ן שליט"א: "ס'שטייט (קהלת ז, כ) 'כי אדם אין צדיק בארץ', אויב ס'איז נישטא דער צדיק אויף דער וועלט, דארף מען זיך נישט זארגן ווייל 'אשר יעשה טוב' ער וועט ווייטער משפיע זיין פון הימל כל טוב, 'ולא יחטא' ס'וועט גארנישט פעלן!".

**אדמו"ר שליט"א** דיבר אודות שמה של הרבנית ע"ה 'חיה חנה' ע"ש בתו של הרה"ק משינאווא זי"ע וכו'.

**האדמו"ר מבית חיים יהושע:** הני נשי במאי קא זכיין?


בי מרדכ"י רצוי לרוב אחיו ודובר שלום לקר"ל

בתודה וזמרה, שמחה ושירה, מתקבלת הבשורה, ברוח סערה, שהמיוחד שבעדרה, גבאי החבורה, אשר אין לו תמורה, הגיע בתפארה, לעת שמחתו המאושרה, בקשרי חיתון קשורה, בהתארסו בהדרה

**החתן כמר מרדכי פינחס אייזנבערגער ני"ו - ממצוייני ישיבתנו הק' קול יעקב וגבאי חבורתנו**

**עב"ג בת הרב אליהו הכהן דיאמאנט שי' למזלא טבא וגדיא יאה**

**מלאים אנו הוקרה, על הכנסו בעובי הקורה, בנדבת לבו ובמסירה, עבור חבורתינו המעטירה, בד בבד עם התמדתך הבהירה, כשקדן עצום בתורה, יומם ולילה בתדירה, ההרגשים רועשים בלי מעצרה, וה' הטוב ישלם משכורתך ביתירה**

ויה"ר מלפני שוכן בגבורה, מנהיג הבירה, שבביתך תהא השכינה שורה, תמיד יזרח אורה, מסובב בשמירה, בהצלחה ונחת שזורה, עם כל הברכות צרורה, בקשר של קיימא קשורה, דורות ישרים ומבורכים בקדושה וטהרה, בנין עדי עד יהא הדירה, עדי נזכה במהרה, להקבץ כלל ישראל מכל הפזורה, בהבנות בית הבחירה.

בני החבורה המברכים בלו"נ: מ"א א"א ד"א י"ב מ"ב ח"ב אש"ב א"ג ח"ג אז"ג אמ"ד בד"ל ממא"ל אב"ט נ"ל שמ"ל י"מ י"ס י"ס י"פ חה"פ מנ"פ המ"פ י"פ מפ"פ י"ק שכ"ק י"ר ימ"ר מש"ש באז"ש / גדול העונה: מרדכי פינחס טווערסקי-רה"ח

'דנטרין לגברייהו עד דאתו מבי רבנן (ברכות יז.)'! דער באבובער רב ז"ל האט מיר אמאל געזאגט: "איך האב געמאכט הרה"ח ר' גדליה שווארץ ע"ה פאר א סקווערער חסיד". ער איז געווען אין לונדון תיכף נאכ'ן קריג, און ר' גדליה האט איהם געפרעגט: "ביי וועמען וועט מען זיך דרייען דא?", האט דער באבובער רב איהם געזאגט: "דא וועט קומען א רבי, דער קאלאראשער רבי, און איהר וועט זעהן אז איהר וועט דארט נהנה זיין. איהר זאלט ווערן דארט א חסיד!". האט ער מיר געזאגט: "איך האב געמאכט ר' גדליה'ן פאר א סקווערער חסיד"...

**אדמו"ר שליט"א:** באמת ר' גדליה האט געהאט פון אנהייב א 'זכות ראשונים'. ער איז טאקע געווען פון די ערשטע וואס האבן געטוהן פאר'ן טאטן ז"ל אין די ערשטע צייטן אין אמעריקא, נאך אין בארא פארק.

**הגה"צ ר' חנניה יו"ט ליפא טייטלבוים שליט"א רב דקהל בית אהרן בוומב"ג**

**אבד"ק בית אהרן:** כ'האב געהערט פון מיין שוואגער האדמו"ר מבית חיים יהושע שליט"א, אז ער האט דאס געהערט פון די פריערדיגע באבובער רביצין ע"ה [א"ח הרה"ק הקדושת ציון מבאבוב הי"ד], די טאכטער פון הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל ראצפערטער הי"ד, אז זי האט געהערט פונעם זיידן הרה"ק רבי מאטעלע הורנוסטייפלער זי"ע אז ער האט געזאגט פאר אן אייניקל: "זאלסט וויסן, אז קדיש זאגן איז גוט, און דאווענען פאר'ן עמוד איז אויך זייער גוט, אבער צו משניות קומט דאס נישט. לערנען משניות איז דאס בעסטע!".

**אדמו"ר שליט"א:** משנ"ה איז דאך אותיות נשמ"ה.

## בקודש פנימה

❧ בליל ששי פרשת בהר העעל"ט, נערך בקו"פ מעמד סיום כתיבת ספר תורה ע"י **כ"ק רבינו שליט"א** בספר תורה חדש ומהודר שנכתב ונתנדב ע"י ידידנו הנדיב והמשפיע מוה"ר **מתתיהו וואלפבערג** הי"ו, והוכנס ברוב פאר וצהלה **לבית מדרשנו ברחוב קארלטון במאנסי** ביום שב"ק שעעל"ט. **מרן אד"ש** כתב בעמידה את האות האחרון בקולמוס ודיו לשם קדושת ס"ת, רקד קצת עד ייבוש הדיו ואח"כ חילק לקח ולחיים לבני משפחת **הנדבן** והרעיף עליו טללי ברכות.

❧ במוצש"ק פרשת בהר ל"ג בעומר העעל"ט אחר הבדלה, נקבצו ובאו עשרות בחורי חמד תלמידים **מישיבות דברי חיים במאנסי, ישיבה און סאוט מאנסי, תפארת תורה לעדת הספרדים במאנסי, שאר ישוב פאראקאוועי, עול התורה דחסידי ראחמיסטריווקא בלעיקוואוד, ישי"ג בקרית פאפא, וצמח צדיק דחסידי ויז'ניץ בב"פ** ועוד, לשמוע דברי אלוקים חיים מפ"ק של **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** - אחר שהסתופפו בצילא דמהימנותא עילאה על שב"ק.

❧ במוצש"ק הנ"ל, נכנסו הרה"צ ר' **שמעון מנחם נחום פרידמן** שליט"א בן כ"ק האדמו"ר העטרת ישראל מסאדיגורה זצ"ל והרה"ג ר' **אברהם ישעיה קובלסקי** שליט"א בעל מתיקות דף היומי מארה"ק, אל הקו"פ **לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** - אחר שחסו על שב"ק בצל הקודש.

~ כל גו"א ינשא ~

בנועם מלים נשירה ונזמרה, אל מע"כ המשפיע הדגול מחשובי הלמדנים, מופלג בהפלגת חכמים ונבונים, בעומקה של תורה עיניו כיונים, פה מפיק מרגליות ופנינים, נוח לשמים ואהוב לבריות, מסור אלינו בלו"נ ברוחניות וגשמיות

**כש"ת הרה"ח ר' יצחק אהרן גרובער שליט"א** - ראש חבורתנו המעטירה בלעיקוואוד

**לרגל אירוסי בנו בכורו החתן המו"מ בתוי"ש כמר יחיאל מיכל שי' עב"ג בת איש החסד מוה"ר ישראל אייזנבערג הי"ו למז"ט**

**ובהאי עידן חדוותא נביע אלפי תודות על שיחותיו המלהיבות ועל מסירותו בלו"נ לכל בני החבורה תמיד**

וזאת הברכה, ברגשי הערכה, להמשיך הלאה ביתר שאת, בהרבצת התורה בכל עת, וללכת מחיל אל חיל, יומם וליל.

*בני החבורה בלעיקוואוד: אברהם הכהן מיללער, אברהם האפמאן, יעקב יוסף זילבער, אשר זעליג רויזמאן, אברהם יושע העשיל ישכרוף, פינחס ווינקלער, עמרם בלום, חיים ברוך שפיטצער, דוד פרענקל, שמחה דאנציגער, דוב גאלדשטיין, יהושע העשיל בלום*

**בליל שני פרשת בחקותי העעל"ט אחר עריכת השוה"ט לרגל ל"ג בעומר, נכנסו הרה"ג ר' פינחס פרידמאן** שליט"א ראש הכוללים דחסידי בעלזא בירושלים וחתנו הרה"ג ר' **משה שטעסל** שליט"א דומ"ץ קהל מחזיקי הדת דחסידי בעלזא בבארא פארק, אל הקו"פ **לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

**בליל חמישי פרשת בחקותי העעל"ט, נכנס הרה"ג ר' יהושע נתן פייפער שליט"א רב ביהמ"ד ברכת מנחם בב"פ אל הקו"פ לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

*תוכן השיחות יבוא אי"ה*

# מבשר ואומר

**מעמד ההדלקה לכבוד הרשב"י בצל הקודש**

לבבם של רבבות אלפי החסידים משתתפי ה"הדלקה" בצל-קדשו של **כ"ק רבינו** ביום ל"ג בעומר העעל"ט, המו רגשי קודש שלא יכילם הרעיון בתשוקה עזה להתדבק בקדושת התנא האלוקי ולקלוט משהו מאותו אור מופלא רום מעלה, נכספה וגם כלתה נפשם לחצרות פני האדון ה' דא רבי שמעון בר יוחאי, שפתותיהם מרחשות תפילות ובקשות להימנות על אותם בני עלייה והמה מועטים שאין להם בעולמם אלא תורה ועבודת ה' ולשאוב ממעייני הישועה לכל צרכי עמך המרובים. אחר שמונה שנים מאז החל **כ"ק רבינו** לערוך מעמד הדלקה לכבוד התנא האלוקי רבן שמעון בר יוחאי בליל ההילולא ל"ג בעומר תשע"ו, נערך השנה לראשונה המעמד נורא-ההוד בצהרי היום הגדול והקדוש הזה בעוד אור החמה מזהיר כרשב"י, ולא בליל כניסת תוקף קדושת היום שחל במוצש"ק והשעה מאוחרת.

בשעה 4:30 אחה"צ ביום א' בחקותי עיצומו של הילולא דרשב"י שעעל"ט, כבר גדשו אלפי אנשים נשים וטף מאנשי שלומינו מרחבי ארה"ב וקנדה את רחבת ביהמ"ד הגדול ואת רחוב טרומען, ובית יעקב אלו הנשים את השאטער הענק ואת רחוב טרומען מאחורי מחיצה מהודרת, והתפללו יחדיו תפילת מנחה כאשר הרה"צ רבי **אהרן מענדיל** ניגש לפני התיבה כש"ץ. תיכף אחר מנחה בשעה 4:55 הופיע **מרן אד"ש** על במת הכבוד הגבוהה שהוקמה צמוד לבנין הישיבה בית רויזמאן, **ומקהלת אברכים וילדים** בניצוח מוה"ר **יוסף גליק** בליווי המנגן מוה"ר **משה אייזנבערג** וחלילים החלו לשיר ניגוני התעוררות שהכניסו את המון הנאספים לאווירת היום: 'לכבוד התנא האלוקי' בנוסח העבודה ביום הקדוש, 'צמאה נפשי', 'וברחמיך הרבים - ויהי נועם'.

כניגון הכנה לפני שיחת קדשו המרוממת של הרבי ניגנו 'ובכן יהי רצון' מתוך התפילה 'רבוש"ע מלא משאלות לבי' שאומרים בפתיחת הארון בשלוש רגלים, ואח"כ פתח **כ"ק רבינו** את פיו בחכמה והוציא אור תעלומה במשא דבר ה' על שגב מדרגותיו של הרשב"י שהם למעלה מהשגת אנוש, שכאשר פתח את פיו לומר דברי תורה השתתקו כל הרקיעים וכל פמליא של מעלה וגם מלאכי השרת פסקו משירתם, וכיצד שלח את המלאך חזרה להקב"ה כביכול ש'בר יוחאי שכיח בעלמא' ואינו נותן להחריב את העולם כי הוא צדיק יסוד עולם ובכוחו לבטל כל גזירה. בהמשך קרא **אד"ש** להתחזק בקביעת עתים לתורה ולהתרחק מסמארטפונים ושאר כלי טכנולוגיה המקלקלים ח"ו את האדם ואת ביתו, כפי שהפליג על כך הרשב"י בזוה"ק, והזכיר לשבח את מתפללי השטיבלך המתחזקים בימים אלו בקבלות מבצע 'ממשיכים ומוסיפים', והאציל את ברכת קדשו לבטל כל הגזירות ולהמשיך כל השפעו"ט ושמירה עליונה בזכותא

**ישיבת תולדות יעקב יוסף דחסידי סקווירא - מאנטיסעלו** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

~ הנה בנך יוס"ף בא ויתחזק ~

לשוננו רנה כהמון גלים, להרים על נס בשיר והילולים, את ידידנו העסקן הנלהב הנודע לתפארה, פועל גדולות למען לומדי תורה, מסור להצלחת הישיבה במס"נ גמורה, נאמן לבית סקווירא במסירה וחזקה, עושה לאלפים חסד וצדקה

**כש"ת מוה"ר זאב סג"ל לעוויא הי"ו** - מראשי וועד הגשמי של הישיבה / **לאירוסי בנו יקירו כמר יוסף נ"ו למז"ט**

**שמחה מיוחדת עשי לך ישיבת מאנטיסעלו, בהיות החתן דנן מנחשוני פארי ישיבתנו בעת ההתייסדות כאשר לב אביו החשוב היה סמוך ובטוח שיצליח בעז"ה ונוצר תאנה יאכל פריה שזכה להיות תלמידינו הראשון לבוא בברית האירוסין, ועינינו רואות ושמחות!**

בכח התוה"ק, רבוה"ק ומצות צדקה זכות משולשה, תזכה לרוות רוב נחת דקדושה, ולהרבות פעלים במדה גדושה.

*זוגות הרמ"ם המאושרים ברגשי הכרת הטוב; **יעקב יוסף ברוין וירחמיאל מיכל אונגער**-שיעור ג / **יצחק יוסף גאלדמאן** ובנק **ליפא לעוויטאן**-שיעור ב / **לוי יצחק ניישלאס ואלי' מאיר לונגער**-שיעור א / גדול העונה: **דוד ברייער**-מנהל, **יצחק טווערסקי**-משגיח*

דרשב"י. (שיחת הקודש במלואה ראה לעיל).

**מקהלת המשוררים** פצחה בניגון 'אמנם כן - קולי שמע' של ליל כל נדרי, המשיכו בניגון הדביקות של הרה"ק מרוז'ין זי"ע שכידוע רכש את זכות ההדלקה באתרא קדישא מירון, ועברו ל'ויהיו רחמיך מתגוללים' למשך דקות ארוכות. באותה שעת רחמים והתעוררות קם **מרן מלכא קדישא** וניגש למעקה הבמה והחל ביציקת 'שמן זית זך' מתוך עשרות קנקני כסף שהגיש העסקן המרומם מוה"ר **יעקב שלום בער פישל** מראשי שקל הקודש בזה אחר זה לידיו הקדושות של **מרן אד"ש**, ששפך על ערימת צמר-הגפן ספוגי השמן שבתוך מכולת המדורה שהקריבו בגלגלים עד חזית הבמה. הנדיב המרומם מוה"ר **יו"ט ליפמאן דירנפעלד** שרכש את זכות ההדלקה הגיש את לפיד האש הבוער לידי הרבי, ו**מרן אד"ש** הדליק את המדורה לקול שירת 'לכבוד התנא האלוקי רבן שמעון בר יוחאי', והציבור מתרומם אל-על ברקידה ושירה נלהבת בתופים ובמחולות ועיניהם נשואות לעבודת הקודש של הרבי המפזז ומכרכר בכל עוז בתנועות ידיו ורגליו מתוך דביקות עילאית.

כאשר שב **מרן אד"ש** לשבת על מקום קדשו עודד את השירה ומדי כמה דקות הגביה את ידיו הק' ומחא כפיים בלהט אש קודש שסחף אחריו את קהל הרבבות. אחר שירת 'לכבוד התנא האלוקי' במשך זמן רב, המשיכו לנגן את פסוקי ההלל 'פתחו לי שערי צדק' בשילוב 'בזכות התנא האלוקי', ניגון 'אשרינו מה טוב חלקנו בהילולא דבר יוחאי', פיוט 'בר יוחאי', ניגון מירון במילים 'בזכות התנא', אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל, ניגון גור במילים 'ואתם תהיו לי ממלכת כהנים', 'ועל ידי זה'.

בעת ההפסקה הקצרה עברו **נדיבי לב** שתרמו סכומים הגונים בהשתדלות רש"ב פישל הנ"ל לקבל את קנקני הכסף עם שיירי שמן משחת קודש מידיו הק' של **מרן אד"ש** בצירוף טללי ברכות לרוב, בעוד **המקהלה** משוררת 'אנא בכח' של דזיקוב. בשעה 6:20 החלו את סדרת ניגוני הריקוד השניה שנפתחה ב'תורתו מגינת לנו' באיטיות ואח"כ בצהלה כאשר כולם משלבים ידיים בריקודים על הארץ ועל הפארענטשעס בני חמש עשרה הקומות בשירת ניגון 'מיטל נאכט' של קארלין, 'אשרינו מה טוב חלקנו - רצוננו לראות את מלכנו, קרע רוע גזר דיננו', 'ואטהר ואתקדש', 'השם הוא מלכינו ולו אנחנו עבדים' ו**רבינו** שוב מחא כפיים בעוז וחדוה כמה פעמים.

בשעה 6:40 קם **מרן אד"ש** מכסא קדשו ופצחו בשירת 'האטס גע'פועל'ט אלעס גוטס בזכות התנא האלוקי', ו**רבינו** נשאר לעמוד ולעודד את השירה בידיו הקדושות משך דקות מלהיבות ואז פנה במדרגות לעבר הרכב ופרחי החסידים ליווהו לביתו נאוה קודש בשירת 'שתהא שעה זו שעת רחמים'. בתוך היכל ביהמ"ד הוגשו לאלפי באי ההילולא מאכלים ומשקאות לרוב לשובע ולא לרזון, נדבת אישי חסד המקושרים בלו"נ לבוצינא קדישא הרשב"י. כעבור שעה ומחצה נכנס **מרן אד"ש** לעריכת השולחן הטהור לרגל הילולא דבר יוחאי בהיכל השאטער שהוכן עד מהרה לייעודו. **אשרינו מה טוב חלקנו בהילולא דבר יוחאי, ומה נעים גורלנו בזכות אדוננו בר יוחאי!**

**ברכת הקודש לרגל פתיחת עונת השידוכים**

➢ לקראת פתיחת עונת השידוכים בקרב הישיבות הגדולות ובתי החינוך לבנות דפה בליל פסח שני שעעל"ט, נכנסו עסקני **ארגון קשרים דחסידי סקווירא** וקבוצת שדכנים שהתאמצו להגביר את סך ההצעות שהעלו בתקופה האחרונה אל הקו"פ במוצש"ק אמור שעעל"ט, לקבל את ברכת הקודש לרגל המאורע. ראשי קשרים הגישו את רשימת מאות הבחורים והבנות מאנ"ש שהגיעו לפרקם בס"ד, ונענה **כ"ק רבינו**

~ ובשירי דו"ד עבדך נהללך ונשבחך ~

ברכה רבה וחמה בהוקרה תיערך, למכובדנו המגי"ש הדגול יקר הערך, מלא וגדוש בתורה וחסידות בכשרון חכמתו,
יומם ולילה תידד מעיניו שנתו, להרביץ תורה וחסידות בכל נימי נשמתו, מסור בלו"נ לרומם כל תלמיד באהבתו

**כש"ת הרב יונה דוד יודא ברוין שליט"א - ר"מ בישיבתנו הק' בבארא פארק**

**לרגל שמחת אירוסי בתו עב"ג החתן המצויין בתוי"ש כמר יהודה נ"י בן אחיו הרב ברוך ברוין שליט"א ר"מ בישי"ק ברכת יוסף**

**ועצור במילין לא נוכל מלהביע רגשי הוקרתינו והתפעלותינו על שיעוריו הבהירים ומסירותו העצומה לכל תלמיד**

ישלם לו ה' פעלו משמי מעונה, ומשפע בריכה עליונה, רוב שמחה ונחת ורנה, והצלחה בכל אשר יפנה.

*המאושרים בלב מלא רגשי שמחה והוקרה; תלמידיו שומעי לקחו הטוב בשיעור ג' דישי"ק תוי"י ב"פ*

ואמר: "ביי די רשימות איז 'הלכה כבית שמאי' אז ס'זאל זיין 'פוחת והולך'... און ממילא וועט די שמחה זיין מוסיף והולך!".

ואח"כ פתח בדיבורי חיזוק ועידוד לשדכנים וזל"ק: **"אז מ'העלפט צו צו א שידוך, חוץ דעם וואס ס'איז א חיזוק פאר דעם חתן און פאר די כלה, איז עס חיזוק פאר די גאנצע משפחה. ס'איז דא נישט איינמאל וואס בשעת ס'גייט שווער מיט שידוכים, זענען די עלטערן צובראכן, די זיידעס זענען צובראכן און די קרובים זענען צובראכן - און מיט איין מצוה איז מען מקיים אסאך אסאך גמילות חסדים, וואס אדם אוכל פירותיהם בעוה"ז והקרן קיימת לעוה"ב! חוץ וואס ס'איז אן ענין פון קירוב הגאולה כמ"ש** (יבמות סב.) **אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שבגוף - איז דאס פון די גרעסטע גמילות חסדים וואס ס'קען זיין!**

**"זדא"ה ס'זאל אנקומען גרינג מיט סיעתא דשמיא, און מ'זאל זעהן גוטע פירות. כ'האב שוין אמאל דערמאנט ברבים, אז ביז מ'זעהט פירות דארף מען דער עיקר נישט צובראכן ווערן און נישט נאכלאזן. אמאל מאכט זיך אז ס'גייט נישט פונקטליך אלעמאל אין "די ערשטע מינוט", כ'זאג עס בלשון נקיה... דארף מען דער עיקר לייגן כוחות אויף דעם, אז מ'דארף נישט צובראכן ווערן וועגן דעם. מ'האט נאכגעזאגט פון צדיקים אז יעדע זאך וואס מ'טראגט אהן איז מקרב די זאך און ס'דערנענטערט דעם שידוך, און חוץ דעם אפילו דאס אליין אז "מ'טראגט אהן" איז בעצם אויך א צד חיזוק פאר די משפחות, ס'איז אויך א חיזוק! כ'מיין אז דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן פאר די שדכנים, אז אויב ס'גייט נישט אלעמאל אין די ערשטע מינוט דארף מען וויסן אז "די כוחות וואס מ'האט אריינגעלייגט", דער זכות בלייבט אפילו אויף ווייטער אויך! דאס "עוסק זיין" אין דעם איז פאר זיך א מצוה, און אויך להבא זאל דער אייבערשטער העלפן אז ס'זאל אנקומען לייכט אויך, און מ'זאל זעהן גוטע פירות אויך מיט סיעתא דשמיא און הצלחה".**

והעניק **רבינו** סכום הגון לטובת הארגון באמרו שרוצה ליטול חלק במצוה גדולה זו, והפליא את מידת העין טובה ששוררת בין השדכנים שמסייעים אחד לשני להרבות שמחות בישראל, ואמר: **"דאז"ה מ'זאל קענען ווייטער זיין באחדות און מ'זאל זעהן תוצאות אויך, און 'כל היום חונן ומלוה' זאל זיין 'וזרעו לברכה'! און אלע שדכנים וואס זענען אינדרויסן פון שטעטל און מעבר לים זענען אלע 'בכלל הברכה'".** ועברו השדכנים בסך להתברך מפ"ק בנשיאות חן והצלחה בעבודת הקודש.

---

## תנחומינו ישעשעו נפשך

בצער רב נשא נהי וקינה, ומיטב תנחומינו מקרב ולב כנה, נביע לידידנו הנאמן איש שכולו חסד ורב תבונה, שוקד בתורה וחסידות בהתמדה רבה בדרך נכונה, לן בעומקה של הלכה באמונה, מסור ונתון להטיב לבריות במסירות נאמנה

### מוה"ר **ראובן זאב ווילטיר** הי"ו - מחשובי אישי החסד בשיכון

**בהתאבלו מרה בצער קודר על פטירת אמו החשובה ע"ה שעמדה כל ימיה בלו"נ לימין בעלה הרה"ח הנודע והבלתי-נשכח ר' יודל משה ע"ה, וכעת הלכה לעולמה לדאבון לב צאצאיה וכל מכיריה ומוקיריה**

---

**ידידנו עוז ר' וואלווי! מתוך רגשי אהבה וידידות זה רבות בשנים, מרגישים ומשתתפים אנו בצערך הגדול!**

---

המקום ינחם אותו ומכל צרה יחלצון, ויזכה לראות בו"ב בדרך ה' ירוצון, ובקרבת אלקים יחפצון, וימין ושמאל יפרוצון.

*החותמים בדמע: יעקב יוסף מארגנשטערן, אביגדור רייזנשטיין, אנשיל נייסטאדט, בנימין יוסף אונגער, ישראל, ראובן, שמעון*

---

## אשירה נא לידידי שירת דודי

באותות יקר ותפארת, אחקוק בבדיל ועופרת, חיים וברכה למשמרת, לדודי וידיד נפשי האברך הנודע לשם ולתהילה, אהוב למעלה ונחמד למטה, כתר תורה וכתר שם טוב יעטה, מקבל כ"א בהוקרה ובחום, מסור בלו"נ לכלל ולפרט בלבו הרחום

### מוה"ר **יצחק אהרן** ברי"צ **ברייער** הי"ו - מחשובי אישי החסד והמעש במאנסי

**לרגל השמחה במעונו בהולדת בנו יקירו שי' למזלא טבא וגדיא יאה**

---

**זה דודי וזה ריעי ר' יצחק אהרן שי'! מקרב ולב נרגש הומה לבי אל שמחתך מתוך רבות בשנים של ידידות איתנה!**

---

יהא רעוא שתזכה לרוות מלוא חפנים תענוג ונחת, ויגדלו בנקל יפה יפה כגפן פורחת, מתוך תורה וגדולה במקום אחת.

*אוהבך וידידך עוז המאחל בלב מלא שמחה ורנה: שרגא גרין*

PictureGraph

# יהי שלו"ם בחילך שלוה בארמנותיך

ברחשי הערכה וחיבה יתירה, בנועם מלים ובשפה ברורה, נביע ברכת מזל טוב חמה ונהדרה, למורה הגדול חריף ובקי בתורה וחסידות לתפארה, בפסקיו המופלאים מאיר עיני ישראל בתורה, יראת חטאו קודמת לחכמתו הבהירה, ענוותן ושפל ברך מוכתר בכל מדה יקרה, מסור בלו"נ לכל דבר שבקדושה בשמחה ואורה, משים לילות כימים להרמת קרן התורה, להאיר את בתי הנפש ולחזק כל רוח נשברה

כש"ת הרה"ג ר' **שלום משה גאלדמינצער** שליט"א

**מו"צ בשיכון סקווירא ורב "מרכז הייעוץ"**

כולנו כאחד נגיל ונשיש לרגל השמחה במעונו באירוסי בנו בכורו
החתן המצוין בתורה וחסידות כמר **שלמה** ני"ו
עב"ג הכלה החשובה שתחי' בת ש"ב מוה"ר **מרדכי פינחס גאלדמינצער** שי' למז"ט

**למזלא טבא וגדיא יאה, ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל!**

---

בהאי עידן חדוותא השקט לא נוכל מלהביע רגשי התפעלות והערכה עמוקה מקרב ולב על

**נטילת אחריות מלאה על כל קוץ ותג של המרכז**

**עניית עשרות שאלות בענייני נפש המגיעות מדי יום ביומו**

**השגחה תמידית על כל המטפלים מטעם המרכז**
שיהא הכל בדרכי התורה ורוח ההשקפה של סקווירא

**עריכת מחקר ובירור יסודי ואסיפת מידע על כל המטפלים**
יראי ה' ברחבי תבל שניתן לסמוך עליהם בס"ד

**העברת עינא פקיחא על כל שיעור ושיעור שנמסר למחנכים**
שיהיו בהשקפה נכונה על טהרת הקודש

**האצלת רוח חיים וחיזוק לכל חברי הוועד לעשות עבודתם בשלימות**

**עמידה על משמר מדריכי המרכז**
לפעול ולעשות הכל בדרך התורה והמסורה הטהורה

---

איחולנו הנאמנים ברגשי הערכה, שבכל פעולותיו האדירות תשרה ברכה, ולרוב שמירה וסיעתא דשמיא בהוראה יזכה, ויעלה הזיווג לתפארת ולשם יפה יפה, ויזכה לרומם קרן התורה והחסידות הצרופה, בנהורא מעליא ובריות גופא.

*המאחלים בהדרת כבוד והערכה יתירה;*

***חברי הוועד***

***בשם מאות ההורים והתלמידים***

---

מרכז ייעוץ דחסידי סקווירא
ייעוץ ועזר לענייני חינוך ונפש

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**רב המרכז:**
הרה"ג ר' **שלום משה גאלדמינצער** שליט"א

**חברי הוועד:**
הר"ר **שמואל מרדכי שטערן**
הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש**
הר"ר **יהושע בייער**
הר"ר **שלום מנשה אייזענבערגער**
הר"ר **צבי קאפיל אונגאר**
הרב ר' **וועלוול טווערסקי**

**מטפלים:**
הר"ר **שמעון הערש שטיינער**
הר"ר **שמואל יואל ווייזער**
הר"ר **שלום שטערנהיל**
הר"ר **מענדיל שעכטער**

**מדריכים:**
הר"ר **אהרן ברייער**
הר"ר **אפרים בוקסבוים**
הר"ר **חנינא פינחס ברוין**
הר"ר **יושע העשיל פעלדמאן**
הר"ר **יעקב יוסף** ברח"מ **גאלדקלאנג**
הרב ר' **יעקב יוסף** בהרי"י **טווערסקי**
הר"ר **יצחק יודא טויבענפעלד**
הר"ר **מאיר יודא לאפפלער**
הר"ר **מרדכי ברוין**
הר"ר **מרדכי יצחק וואלטער**

**רמי"ם פרטיים:**
הר"ר **דוד כ"ץ**
הר"ר **זושא ברוין**
הר"ר **יואל בייער**
הר"ר **יונה אונגער**
הר"ר **ישי ראזען**
הר"ר **שמואל מרדכי לונגער**

845-444-1711

בס"ד



דער הייליגער
# ביזת הים מצה טאש
מיט שיירי מצות מידי כ"ק אדמו"ר שליט"א

הגורל יתקיים
## יום ה' במדבר

# גורל קדוש

להירשם בהגורל

נציגי החברות בהשטיבלעך

ברוקלין
אליעזר נתן ישראל

מאנסי
שמעון האפשטיין

מאנטריאל
ברוך הערש פעלבערבוים

אויטאמאטישע פאון סיסטעם 24 שעה
845.731.7171

איחוד החברות דחסידי סקווירא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## יערליכע חברה מגבית

מיטוואך ||| בבית המדרש הגדול

1 זכות פאר **$54**

גיבט אייער נתינה פון לכה"פ
**$100**
און באקומט 3 זכותים איינעם גורל

6 זכותים פאר **$180**

$3
א וואך

לע"נ הרה"ח
ישראל דוד ב"ר
יצחק שמעון
אסטרייכער ע"ה
מייסד הקופה

# מזמור לתודה

אין נאמען פון אלע עסקנים פונעם מפעל הצדקה והחסד "תומך ישראל" וואס העלפט שוין פאר
אזויפיל יארן פילע היימישע משפחות הנצרכות צו קענען שטעלן אויפ'ן טיש פיש און פלייש

**טוען מיר אויסדריקן רגשי תודה והערכה מקרב הלב פאר די**

# הונדערטער אנשי שלומינו

**וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אינעם מאסיוון**

## לשובע סיין-אופ דרייוו

**וואס איז בס"ד אפגעהאלטן געווארן מיט אומגעהויערע הצלחה פארגאנגענעם מיטוואך אין בית המדרש הגדול, ווען כלל אנ"ש האט זיך אויפגעסיינט צו שענקן דריי דאלער וועכנטליך צו העלפן ראשי משפחות וואס דארפן צוקומען צו די "תומך ישראל" פיש און פלייש טשעקלעך**

**ואין המצוה נקראת אלא על שם גומרה**

**דעריבער מעלדן מיר אז אי"ה קומענדיגן**

## זונטאג במדבר

**וועלן די עסקנים מקדיש זיין להשלמת הקאמפיין**

**און ארומגיין אין ביהמ"ד הגדול צו אויפסיינען די פילע אנ"ש וועלכע ווילן זיך נאך אנשליסן**

ויהי רצון אז בזכות פון העלפן אנדערע אידן זאל מען אליינס קיינמאל נישט דארפן צוקומען
דערצו און מ'זאל זוכה זיין צו כל טיב וטוב משפע בריכה עליונה עד בלי די

**שלום יוסף אונגאר  שמואל מרדכי שטערן  יושע מענדל ראזנפעלד  הרב אלחנן קאפף**
חברי הנהלת הקופה

**שלום פינחס מאשקאוויטש  מענדל לעווי  מרדכי פינחס בר"א אסטרייכער**
ווער הפועל

**סיין-אופ ליניע:**
**845.666.0706**

לשובע
פיש און פלייש פאר היימישע משפחות